בס"ד

ערש"ק כי תבא תשפ"ו

# טאטע, איך בין
# "נאנט צו דיר"

## כי תבא תשע"ט
## כי תבא תש"פ

שיעורים הנאמרים מפי מוה"ר

ר' אברהם צבי קלוגער שליט"א

ביהמ"ד "נזר ישראל" בית שמש

יו"ל ע"י מכון "פאר ישראל"

## פרנס השנה

ברכת ידידות והוקרה
לידידנו היקר

הרה"ח
ר' **רפאל אהרן קנאפפלער**
שליט"א

**ירושלים**

על אשר נדבו לבו בתשואות חן
להוצאות הגליון

**לע"נ אביו הרה"ח ר' צבי**
**בהרה"ח ר' אברהם יהודה ז"ל**

תעמוד זכות הרבים לו ולכל
משפחתו ויתברכו בכל מילי
דמיטב

לקבלת המאמרים בדוא"ל: **nezerisroel@gmail.com**

# קרבה אל נפשי גאלה - טאטע איך בין נאנט צו דיר

# פרשת כי תבוא תשע"ט

# נושא: דאנק אויף אלע פראבלעמען ווייל דורך זיי ביסטו אנגעקומען צו דער גוטס

## א.

## ווען אימער מען רעדט פון א גוטע זאך – גייט עס צוזאמען מיט א שווערע זאך

די תורה הקדושה זאגט דער וואך דער פרשה פון ברענגען ביכורים (דברים כו א-יא):

"וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר הוי'ה אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה וגו' וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא וְהָלַכְתָּ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר הוי'ה אֱלֹקֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם וגו' וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי הוי'ה אֱלֹקֶיךָ אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם בִּמְתֵי מְעָט וַיְהִי שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל עָצוּם וָרָב וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבֹדָה קָשָׁה וַנִּצְעַק אֶל הוי'ה אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ וַיִּשְׁמַע הוי'ה אֶת קֹלֵנוּ וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וְאֶת לַחֲצֵנוּ וַיּוֹצִאֵנוּ הוי'ה מִמִּצְרַיִם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה וּבְמֹרָא גָּדֹל וּבְאֹתוֹת וּבְמֹפְתִים וַיְבִאֵנוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה וַיִּתֶּן לָנוּ אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ וגו' וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ הוי'ה אֱלֹקֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ". שפעטער שטייט (שם כח מז): "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת הוי'ה אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל".

#### פארוואס א 'טנא'?

דער הייליגער צאנזער רב אין ספר דברי חיים, רעדט ארום עטליכע מאל איבער דער מצוה פון ברענגען ביכורים דוקא אין א כלי, וואס מען טרעפט עס נישט אין דער גאנצע תורה אז די תורה זאל הייסן מען זאל ברענגען עפעס צום בית המקדש דוקא אין א קאָרב. איז דאך שווער: צו וואס דארף מען דוקא א קאָרב? זאל מען עס ברענגען אויף סיי וועלכן אופן – אין דער האנט, צי אין א זאק, צו אין א כלי – וויאזוי ער וויל.

#### ווייל יעדער אור דארף א פאסיגע 'כלי'

ענטפערט דער דברי חיים על פי דרכו, אז מען דארף האבן דוקא 'אורות' אין 'כלים', דער גרויסע אור פון ביכורים, פון דאנקען דעם אויבערשטן, מוז זיין דוקא מיט 'כלים' און מיט א געוויסער מאס, פון א צמצום אין א כלי.

#### טנ"א – טעמים נקודות אותיות

אזוי אויך ווערט געברענגט אין די ספרים פון תלמידים פונעם גרויסן מגיד פון מעזריטש – אין זיין נאמען, אז 'טנא' איז ראשי תיבות: 'טעמים', 'נקודות' און 'אותיות' – וואס דאס זענען די 'כלים' אוואו דער

׳אור׳ פון תורה ווערט אראפגעברענגט און עס ליגט אין זיי. דארף מען אבער פארשטיין: וואס האט דאס אלעס מיט דער מצוה פון ביכורים?!

### וואו קומט דא אריין ׳סיפור יציאת מצרים׳?

**ביי** דער מצוה פון ביכורים זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך, אז דער איד איז מחויב צו קומען צום בית המקדש און אנהייבן פארציילן א גאנצע מעשה פון ׳סיפור יציאת מצרים׳. עד כדי כך, אז אט די פסוקים נוצט מען פסח ביינאכט ביי דער הגדה של פסח. דאס דארף א הסבר, דער מענטש קומט דא מיט פירות וואס איז געוואקסן אויפן פעלד און ער וויל קומען דאנקען פארן אויבערשטן, וואו קומט דא אריין א גאנצע מעשה פון סיפור יציאת מצרים? צו וואס פעלט אויס ער זאל יעצט אנהייבן די מעשה פון אנהייב, אז יארן צוריק האט עפעס א ׳לבן הארמי׳ געוואלט אויסרייסן יעקב אבינו מיט זיין גאנצע משפחה, און אזוי ווייטער אלע צרות וואס מען איז אריבערגעגאנגען אין מצרים. וואס פעלט דאס אויס?! מען קומט יעצט דאנקען דעם אויבערשטן! מען האט שוין געענדיגט מיט די צרות! יעצט איז צייט נאר צו דאנקען און לויבן, און רעדן נאר פון די גוטס?!

### פארוואס האט אברהם געמוזט הערן איבער ׳גלות׳ – אינאיינעם מיט ׳בשורת ארץ ישראל׳

**ביים** ברית בין הבתרים ווען דער אויבערשטער איז געקומען שניידן א בונד מיט אברהם אבינו, און אים צוגעזאגט צו געבן ארץ ישראל; ווי עס שטייט אין די פסוקים (בראשית טו יח-כא): ״בַּיּוֹם הַהוּא כָּרַת הוי׳ה אֶת אַבְרָם בְּרִית לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ נָתַתִּי אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת מִנְּהַר מִצְרַיִם עַד הַנָּהָר הַגָּדֹל נְהַר פְּרָת אֶת הַקֵּינִי וְאֶת הַקְּנִזִּי וְאֵת הַקַּדְמֹנִי וְאֶת הַחִתִּי וְאֶת הַפְּרִזִּי וְאֶת הָרְפָאִים וְאֶת הָאֱמֹרִי וְאֶת הַכְּנַעֲנִי וְאֶת הַגִּרְגָּשִׁי וְאֶת הַיְבוּסִי״. שטייט אבער עטליכע פסוקים פריער: ״וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם יָדֹעַ תֵּדַע כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה״ - אידן וועלן זיך גאר שטארק מוטשען, עס גייט זיין א שרעקליכע שווערע גלות. לכאורה דארף מען פארשטיין: צו וואס דארף מען דאס דערציילן פאר אברהם אבינו?! דו ווילסט אים פארציילן גוטע בשורות, נו, פארצייל גוטע בשורות אים צו פרייליך מאכן! אבער צו וואס דארף מען פארציילן די שוועריקייטן?! נאכדערצו, אז ער אליינס גייט עס נישט אריבערגיין – נאר זיינע אור אייניקלעך. און אויב איז דאס, כדי אנצוגרייטן אידן אויף שפעטער, קען מען עס דאך פארציילן פאר יעקב אבינו בשעת ווען ער גייט אראפ קיין מצרים און מען האלט ממש פארן אנהייבן דעם גלות, אבער וואס האט אויסגעפעלט דא – בשעת׳ן פארציילן אזא גוטע בשורה פאר אברהם אבינו – אז עס זאל קומען צוזאמען מיט אזא שווערע בשורה?!

### פארוואס האט משה געמוזט הערן איבער נאך ׳גלויות׳ – אינאיינעם מיט די ׳בשורת הגאולה׳?

**די** זעלבע זעט מען ביי משה רבינו, בשעת ווען דער אויבערשטער איז אים געקומען זאגן: ״משה, איך וועל ארויסנעמען די אידן פון מצרים און עס וועט זיין גאר גרויסע ניסים״, רעדט מען באלד פון פראבלעמען; ווי עס שטייט דארט אין די פסוקים (שמות ג יג-יד): ״וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָאֱלֹקִים הִנֵּה אָנֹכִי בָא אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתִּי לָהֶם אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵיכֶם שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם וְאָמְרוּ לִי מַה שְּׁמוֹ מָה אֹמַר אֲלֵהֶם וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה וַיֹּאמֶר כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶהְיֶה שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם״. דרש׳נען חז״ל (ברכות ט:) אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה: ״גיי זאג פאר די אידן, איך בין געווען מיט ענק אינעם איצטיגן גלות און איך וועל נאך זיין מיט ענק אין אלע קומענדיגע גלות׳ן״. דארפן מיר פארשטיין: מען גייט יעצט ארויס פון מצרים און מען וועט באקומען א תורה און ארץ ישראל, נו וואס פעלט דא אויס צו רעדן פון צרות?! צו וואס דארף מען א גאנצן צייט זיין פארנומען מיט די צרות וואס זענען געווען און מיט די צרות וואס וועלן זיין?!

### דער געווענליכער נוסח פון א דרשה ביים ׳סעודת הודאה׳ – ב״ה מען האלט שוין דא

**נאר** דא עפנט זיך א פנימיות׳דיגע הסתכלות. לאמיר טראכטן: ווען א מענטש איז דורכגעגאנגען א שווערע תקופה אין לעבן און ער איז ארויס דערפון, און ער נעמט צוזאם אלע זיינע חברים און ער מאכט א

גרויסע 'סעודת הודאה'. ביי דער סעודה שטעלט ער זיך אויף צו האלטן א 'דרשה', ער ברענגט ארויס זיין דאנק און לויב צום אויבערשטן אויף אלע גוטס וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט אים, (וואס דאס איז די מצוה פון 'קרבן תודה', וואס חז"ל לערנען ארויס פון פסוקים ווען אימער א מענטש גייט דורך א סכנה און ער ווערט גערעטעוועט - דארף ער דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן); ווי דוד המלך זאגט אין תהילים: **"אוֹדֶה הוי'ה מְאֹד בְּפִי וּבְתוֹךְ רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ"** – עס איז א מצוה צו דאנקען דעם אויבערשטן ברבים. אבער געוועגליך גייט די דרשה אזוי: "איך האב ממש נישט געקענט שלאפן גאנצע נעכט! איך האב נישט געהאט קיין טראפ שלוות הנפש! און ברוך השם אז די אלע זאכן וואס האבן מיר אזוי געמוטשעט און געשטערט זענען אוועקגעגאנגען, און איך בין ברוך השם פטור געווארן פון די צרות! יעצט איז מיר אזוי גוט! ברוך השם איך בין שוין אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה! ברוך השם איך האב שוין מער נישט די אלע צער און יסורים!".

### געווארט יארן אויף א קינד און ענדליך געהאלפן געווארן – ער וויל פארגעסן די שווערע יארן

**אדער** ווען א מענטש דאנקט דעם אויבערשטן אז ער האט סוף כל סוף אנגעקומען צו דאס וואס ער האט אזוי לאנג געווארט, למשל, א מענטש האט יארן לאנג געווארט אויף א שידוך, אדער אויף א קינד, און ער האט זיך ארומגעדרייט ווי א טויטער מענטש, ער האט נישט געהאט קיין חיים! און ברוך השם ער איז געהאלפן געווארן! און ער דאנקט דעם אויבערשטן. געשעט אבער אסאך מאל, אז דער מענטש וויל נישט צוריקגיין און רעדן פונעם שווערן עבר וואס ער איז אריבער. ער האט אזויפיל שלעכטע זכרונות ארום דעם, ער זאגט: "שוין, איך האט אוועקגעווארפן דעם גאנצן עבר! מען הייבט אָן א נייע בלאט! מען קוקט יעצט נאר אויף פאראויס! די יעצטיגע סעודת הודאה איז אויך א סיום אויף אלע צרות, און פון יעצט און ווייטער וועט אם ירצה השם זיין נאר גוטע זכרונות! לאמיר פארגעסן וואס איז געווען! לאמיר עס אראפנעמען פון טיש! לאמיר זיך נישט מצער זיין מיט אלע יסורים וואס איז אריבער, לאמיר נאר זאגן: 'ברוך השם עס איז דא א גוטע ענדע!', פונקט ווי מען לייגט א מעשה ביכל, וואס דער עיקר איז, אז צום סוף איז געווארן אלעס גוט, און פארטיג!".

### הודאה מיינט – איך בין מודה אז דו ביסט געווען גערעכט

**אבער** דער מענטש פארשטייט נישט אז עס פעלט דא דער עיקר. ווייל עס ווערט געברענגט אין ספרים אז 'הודאה' מיינט נישט בלויז דאנקען און לויבן, נאר עס מיינט אויך 'מודה זיין'. וואס דאס געשעט נאר נאכדעם וואס מען האט זיך געקריגט. ווען איינער האט זיך געקריגט מיט א צווייטן, פאסט דעמאלט צו זאגן 'און צום סוף האט ראובן מודה געווען פאר שמעון'. די זעלבע זאך, ווען א איד גייט אריבער א שוועריקייט, איז ער ערגעצוואו טיף אין הארץ צוקריגט מיטן אויבערשטן כביכול! ער האט אזעלכע קשיות און ביטערנישן אינעווייניג אין זיך, אזש זיין הארץ איז פארשטיינערט. פארשטייט זיך, ער האט נישט קיין קשיות און ער גלייבט אז אלעס טוט דער אויבערשטער, אבער ער האט שווערע געפילן! ער זעט נישט די הנהגה פונעם אויבערשטן און ער זעט נישט די רחמנות פונעם אויבערשטן. אבער נאך וואס ער גייט אריבער די שוועריקייטן, ער איז ארויס פון זיין צרה, עס איז אים געווארן ליכטיג, איז נישט גענוג אז ער זאל פון יעצט זאגן 'שוין, אלעס איז גוט, אלעס איז פיין', נאר דו דארפסט יעצט 'מודה' זיין צום אויבערשטן! דו דארפסט יעצט נאכאמאל איבערגיין און איבערפיהלן די אלע שוועריקייטן, און זאגן: "אויבערשטער, איך האב געהאט קשיות אויף דיר, עס איז מיר געווען אזוי שווער דיין הנהגה, אבער יעצט בין איך מודה אז דו ביסט גערעכט! אלע מעברים וואס איך בין אריבערגעגאנגען - איז אלעס געווען לטובה!".

### ער דאנקט אויפן 'הוה' – אבער אויך אויפן 'עבר' וועלכע האט געבויעט אזא ליכטיגע 'הוה'

**קומט** אויס, אז דער עיקר הודאה איז נישט ווען מען פארציילט בלויז די ישועה און דעם נס, נאר דער עיקר הודאה איז דוקא, ווען דער מענטש שטייט און רעכנט אויס אלע צער און יסורים וואס ער האט געהאט, און טאקע דוקא יעצט ווען ער האט שוין די ישועה – האט ער שוין די כוחות עס אנצוקוקן מיט א ליכטיגן בליק! ווייל ווילאנג ער איז געווען אין דער צרה, האט ער נישט געקענט רעדן, אבער יעצט

ווען ער איז שוין ארויס פון דער צרה, דארף ער יעצט נעמען דעם אנהייב פון דער מעשה און עס צובינדן צו דער סוף פון דער מעשה! ער דארף צובינדן די 'יגון ואנחה', צו דער 'ישועה ונחמה' וואס ער האט געהאט! און דעמאלט וועט ער פארשטיין, אז עס איז באמת 'איינס'! מען האט נישט געקענט אנקומען צו דער ישועה – אָן דעם וואס ער זאל אריבערגיין אלעס וואס ער האט געדארפט אריבערגיין! נישט אז מען פרובירט צו פארגעסן פון דער 'עבר', נאר פארקערט, דוקא ווייל מען געדענקט גוט דעם 'עבר' מיט אלע פיטשעווקעס – האט מען כח צו דאנקען מער און מער.

**ראובן: נאך בעסער וואלט געווען טאמער איך וואלט נישט יעצט געדארפט בכלל מאכן א סעודת הודאה...**

**עס** איז פארהאן א סימן – וואו א מענטש קען זיך אליינס אונטערזוכן: פארהאן אסאך מאל א מענטש, וואס דייקא ווען ער האלט אינמיטן דאנקען דעם אויבערשטן, אז ברוך השם עס איז געווארן גוט צום סוף – גיבט זיך א כאפ אריין אזא מחשבה'לע: "אבער נאך בעסער וואלט געווען, ווען איך וואלט נישט געהאט די אלע צרות! נאך בעסער וואלט געווען, ווען איך וואלט געווען פונקט ווי אנדערע געזונטע מענטשן וועלכע מוטשען זיך בכלל נישט און האבן בכלל נישט געדארפט ליגן א פּאָר יאר אין שפיטאל און שוועבן בין מות לחיים! שוין, שוין, לאמיר נישט טראכטן... ברוך השם איך בין שוין צוריק ווי אלע אנדערע מענטשן!". דאס איז א סימן אז דער מענטש האט נאכנישט מודה געווען עכט צום אויבערשטן אויף אלע שוועריקייטן וואס ער איז אריבער, ער דאנקט בלויז אז עס האט זיך שוין געענדיגט.

**שמעון: איך דאנק דעם אויבערשטן סיי פאר די מחלה און סיי פאר די רפואה**

**אבער** טאמער דער מענטש דאנקט דעם אויבערשטן, און בשעת מעשה קומט אים ארויף פארקערטע געפילן: "נאך א מזל אז איך האב מיטגעמאכט אזא שווער פעקל! איך בין דאך אן אנדערער מענטש! איך בין דאך געווארן אזויפיל נענטער צום אויבערשטן! איך בין דאך געווארן אזויפיל אנגעפילט מיט אמונה און בטחון! איך בין דאך געווארן אזוי אויסגעאיידלט און אויסגעמענטשלט! איך האב דאך אנגעהויבן צו זען די גוטסקייט און רחמנות פונעם אויבערשטן! יעצט לאחר המעשה קען איך זאגן, אז עס האט זיך געלוינט!" – דאס איז א גוטער סימן, אז ער האט ריכטיג דערהערט וואס 'הודאה' מיינט, אז ער איז באמת מודה צום אויבערשטן אויף די אלע שוועריקייטן, ווייל ער איז מכיר אז די שוועריקייטן זענען באמת געווען לטובתו! נישט אז די שוועריקייטן האט געשטערט די הודאה, און יעצט ווען ענדליך די שוועריקייטן האבן זיך געענדיגט – הייבט זיך אָן די הודאה אז מען איז שוין פטור געווארן דערפון, ניין, די שוועריקייטן זענען א חלק פון דער הודאה! די שוועריקייטן האבן געברענגט די הודאה! די שוועריקייטן וועט אים געבן אזויפיל גוטס – בעסער פון וואס איז געווען פאר דעם!

**ביכורים – מען דאנקט אויף די עינוים און שעבוד פון מצרים**

**דאס** איז די מצוה פון ביכורים. א איד זיצט זיך אין ארץ ישראל און האט זיך זיין פעלד, 'איש תחת גפנו ותחת תאנתו', אה מחיה, ער האט אזויפיל גוטס - וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן. נו, ער וויל קומען דאנקען און לויבן פאר דעם גוטן לאנד וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן. זאגט אים דער אויבערשטער: "ניין, די הודאה הייבט זיך נישט אָן פון יעצט – ווען דו האסט אלעס גוטס, די הודאה הייבט זיך אָן פריער! יעצט גייט דיר טאקע אלעס גוט, אבער דו הייב אָן פון 'ארמי אובד אבי'! לייג אראפ ווי שווער און ביטער איז געווען אין מצרים! פארצייל וויפיל מען האט זיך דארט געמוטשעט! און ווי מען איז מפרש אין דער הגדה די אלע פסוקים דא: "**וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וְאֶת לַחֲצֵנוּ**" – מען דערמאנט זיך פון דער צרה פון אריינווארפן די קינדער אין וואסער, די צרה פון פייניגן מיט ביטערע שווערע ארבעט, און אזוי ווייטער אלע צרות וואס זענען געווען אין מצרים. מען לאזט נישט אויס קיין איין פרט, ווייל יעדער פרט איז אזוי וויכטיג פאר דער הודאה. און ווען דו ביסט מכיר, אז אט די אלע צרות – איז א חלק פון אלע גוטס וואס מען האט יעצט זוכה געווען, דו קוקסט אויף צוריק און דו זעסט אז אלעס איז געווען בלויז גוטס – דאן ביסטו באמת א 'מודה על הטוב' בשלימות.

### לעתיד וועט דער גאנצער ׳גולה׳ ווערן א שטיק ׳גאולה׳

די זעלבע זאך איז מיט דעם איצטיגן לאנגן און שווערן גלות. לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער אונז ליכטיג מאכן די אויגן און ער וועט נעמען דעם גלות וועלכע איז צוזאמגעשטעלט פון פיר אותיות: ג׳ ו׳ ל׳ ה׳ – גולה, און ער וועט אריינלייגן אין דעם די א׳ – וואס דאס איז מרמז אויפן אויבערשטן ׳אלופו של עולם׳, און וועט ווערן א ׳גאולה׳. כדי דאס זאל געשען, מוז דער גלות זיין ריזיג גרויס, ווייל מען קען נישט מאכן אז דער גולה זאל זיין קליינטשיגע אותיות, און בלויז דער א׳ – וואס דאס איז מרמז אויפן אויבערשטן – זאל זיין ריזיג, עס האט נישט קיין פשט, א ווארט דארף זיין אלע אותיות די זעלבע מאס. דעריבער איז יעצט דער ׳גולה׳ אזוי גרויס און ביטער, אזוי לאנג און שווער, און דעמאלט ווען עס וועט קומען דער גרויסער הייליגער באשעפער און אריינלייגן זיך אליינס, דעם א׳, אינעם ׳גולה׳ – וועט עס ווערן אזוי ליכטיג! א מענטש וועט דעמאלט פארשטיין, אז דער גאנצער גלות איז געווען איין שטיק גאולה! און ווי גרויס דער גלות איז געווען – אלץ גרעסער וועט די גאולה זיין!

### לעתיד וועט מען דערציילן אלע ביטערע טראגעדיעס פונעם גלות און דאנקען דערויף

אין אנדערע ווערטער: נישט אז לעתיד לבוא וועט מען זאגן: ״שוין, לאמיר פארגעסן וואס איז געווען, לאמיר נישט פארציילן פאר אונזערע קינדערלעך וואס האט זיך אפגעטון מיט די בלוט בלבולים, מיט די קרייץ ציגלער, מיט די ביטערע צווייטע וועלט קריג, לאמיר פארגעסן דערפון! דער עיקר אז יעצט איז גוט! ברוך השם אז מיר האבן שוין א דריטן בית המקדש מיט א מלך המשיח!״. ניין, מען וועט איבער׳חזר׳ן נאכאמאל און נאכאמאל וואס עס האט זיך אלץ אפגעטון אין גלות. ווייל מען וועט פארשטיין אז יעדעס ברעקל פון שוועריקייט אין גלות – דאס אליין איז דער גאולה! בשעת גלות קען מען עס נישט זען און מען קען עס נישט שפירן, ווייל מען איז אין גלות, אבער די גאולה וועט זיין, ווען מען וועט קענען נעמען דעם גלות און פארשטיין אז דאס איז געווען ׳כולו טוב׳.

### אויב איז נישטא קיין שוועריקייטן פריער – הייבט זיך נישט אָן קיין גוטס

די מצוה פון ביכורים איז, אז א מענטש קומט דאנקען דעם אויבערשטן אויף דער ערשטער פרי וואס איז ארויסגעוואקסן, און דארט רעדט ער פון די צרות פון מצרים. דאס הייסט, ער נעמט דעם אנהייב פון אלע גוטס, און ער איז דאס מקשר צום ביטערן עבר. דאס הייסט אז ער פארשטייט, אז עס קען נישט אנהייבן צו וואקסן גוטע פירות – אָן די אלע שוועריקייטן וואס מען איז אריבערגעגאנגען ביז יעצט! גוטס וואס קומט – אָן קיין שוועריקייטן פון פריער, איז נישט קיין ריכטיגע גוטס!

### כי תבוא – זיך מקשר זיין צו די ׳אבות׳ וואס זיי האבן פארשטאנען וויאזוי אנצוקוקן שוועריקייטן

דעריבער שטייט ׳והיה כי תבוא׳, ׳תבוא׳ - איז אותיות ׳אבות׳. ווייל די אלע שוועריקייטן פון אברהם אבינו, וואס ער איז אריבערגעגאנגען ביים זען אזא ׳ברית בין הבתרים׳, וואו דער אויבערשטער האט אים געוויזן אלעס וואס זיינע קינדער וועלן אריבערגיין, און עס איז אים באפאלן אזא ׳אימה חשיכה גדולה׳ – איז אבער געווארן א חלק פון דער טוב הנצחי! ווי נאר דער אויבערשטער האט אים געוויזן אז עס וועט נאכדעם זיין א גאולה, האט אברהם אבינו באלד פארשטאנען אז דער גלות איז א חלק פון דער גאולה! און דערפאר גייט ׳ביכורים׳ צוזאמען מיט ׳אבות׳, ווייל פון דארט נעמט א מענטש דעם כח צו פארשטיין, אז אלע דורכגענג וואס עס גייט אריבער אויף אים – האט אלעס איין איינציגע ציל, צו בויען א מלוכה פארן אויבערשטן – וואס פון דעם דערהערט ער אז דאס איז נישט צוויי אפגעטיילטע זאכן, נאר ׳אלעס׳ איז לטובה!

**וואס איז א חילוק וויאזוי מען קוקט אָן די שוועריקייטן?**

**ווען** א מענטש פרעגן: "וואס איז די גרויסע תועלת ווען מען האט אזא בליק?! וואס איז שלעכט אז מען דאנקט אויף די גוטס וואס מען האט יעצט און פארטיג?! פארוואס מוז מען פארשטיין אז די אלע צרות איז א חלק פון דער ישועה?!".

**די שוועריקייטן זענען 'כלים' צום 'אור'**

**מען** וועט מקדים זיין וואס עס שטייט אין לקוטי מהר"ן (קמא סה אות ד): "דורכן ביטול וואס א מענטש איז זיך מבטל צום תכלית, און ער איז משיג אז אלע יסורים זענען גאר גרויסע טובות, דורכדעם ווערט ער פול מיט שמחה. און די שמחה דאס זענען 'כלים' צו זיינע חידושים וואס ער איז מחדש אין תורה".

**טאמער ער פריידט זיך נישט מיט שוועריקייטן – פעלט אים 'כלים' צום גרויסן 'אור'**

**דורכדעם** הייבט מען אָן צו פארשטיין דאס וואס מען האט פריער גערעדט פונעם צאנזער רב זי"ע און פונעם הייליגן מגיד זי"ע, אז ביכורים מוז קומען מיט א 'כלי', מען דארף עס אריין לייגן אין א 'טנא', א קאָרב, טנא איז ר"ת טעמים נקודות אותיות, דאס זענען די כלים פון השגת אלוקות, די כלים פון חדושי תורה וואס א מענטש איז מגלה דורך דער ליכטיגקייט וואס ער פארמאגט, אז ער קען דערהערן דעם תכלית אז אלע יסורים זענען בעצם גאר גרויסע טובות, עס איז א חלק פון דער תכלית. און אויף דעם דארף מען אבער האבן א 'כלי', מען דארף האבן ארץ ישראל דאס איז 'מלכות – תורה שבעל פה', עס זאל זיין נייע גילויים. און דער כלי וועט זיין דורכדעם וואס א מענטש וועט אנהייבן פון אנהייב פון דער מעשה, ער וועט נישט אנהייבן פון דער עפילאג, פון דער סוף פונעם ביכל אז צום סוף איז געווען א גוטע ענדע, ער וועט אנהייבן פון אנהייב 'ארמי אובד אבי', מען האט אונז געוואלט אויסרייסן אין ארם נהריים, מען האט אונז געוואלט שפעטער אויסרייסן אין מצרים, מיר זענען אריבער אזעלכע יסורים אבער מיר האבן פארשטאנען אז אלע יסורים איז געוואלדיגע טובות, און דאס האט אונז געברענגט צו שמחה, און אט דער שמחה איז די כלי פון חדושי תורה וואס א מענטש קומט שפעטער מגלה זיין. ווייל פונקט ווי מען האט געדארפט זיין אין מצרים כדי מען זאל קענען שפעטער באקומען דער תורה, אזוי אויך יעדע יסורים וואס א מענטש גייט אריבער, אויב וועט ער דערהערן אז די יסורים דאס איז דער תכלית, וועט ער קענען שפעטער נעמען פון די יסורים און מאכן פון דעם חדושי תורה.

# ב.

## וואו בין איך געווען ביז היינט? דיין 'ביז היינט' האט געברענגט דיין 'היינט'!

**א מענטש וואס ווערט מקורב צו צדיקים ביי די פערציג יאר – עס ווערט אים ליכטיג**

**וויפיל** מאל איז דא א מענטש וואס ער איז שוין אביסל עלטער געווארן, ער איז אריבערגעגאנגען אזעלכע שווערע יארן אין זיין לעבן, 'יחוגו וינועו כשיכור', אזעלכע יסורים און נסיונות וועלכע האבן אים מזכך געווען, און דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, אז ערגעצוואו אינמיטן די דרייסיגער-פערציגער, אדער אפילו אינמיטן די פופציגער יארן – איז ער מקורב געווארן צו 'אור הצדיקים', ער האט אנגעהויבן צו דערהערן א ליכטיגן בליק אין לעבן, ער האט אנגעהויבן צו לעבן אנדערש, ער שפירט זיך אזא קרבת ה', 'ואני קרבת אלקים לי טוב', ממש 'ונפש רעבה מלא טוב', זיין לעבן איז אנדערש, זיין לעבן איז פול מיט ליכטיגקייט, ער האט אזויפיל חכמת חיים, ער דערהערט אזוי שטארק די רחמים און חסדים פונעם אויבערשטן אויף יעדע טריט און שריט.

**אבער** דא קומט דער יצר הרע מיט גאר א געמיינע און שלעכטע טאקטיק צו אראפּווארפן דעם מענטש, ער ברענגט אריין מחשבות אינעם מענטש אין הארץ, ביז דער מענטש הייבט אָן צו קרעכצן און שפירן אזא פארלוסט און אזא ווייטאג: "פארוואס האב איך נישט געוואוסט פון דעם ביז היינט? פארוואס האב איך געדארפט אריבערגיין אזויפיל יארן און זיך מוטשען און זיך פלאגן און זיין א פארביטערטער מענטש? אלעס ווייל איך האב נישט געוואוסט פון דער ליכטיגקייט וואס איך האב היינט! אזא שאד! ווען איך וואלט ווען געוואוסט פאר צוואנציג יאר צוריק, דאס וואס איך ווייס היינט, וואלט איך געקענט לעבן אסאך א בעסערע לעבן, איך וואלט געקענט זיין מער נאנט צום אויבערשטן". און אזוי ווערט דער מענטש אזוי פארביטערט און ער ווערט דערווייטערט פונעם אויבערשטן – בלויז דורך די מחשבות אליינס.

### די אלע יארן אָן 'אור הצדיקים' – איז אויך א חלק פונעם 'אור הצדיקים'!

**אוי,** מען דארף זיך אזוי אפהיטן פון דעם יצר הרע. אזא מענטש פארשטייט נישט וואס מען האט גערעדט ביז אהער. ער מיינט אז דאס הייבט זיך אָן פון ווען עס איז אים געווארן גוט, כאילו אז פון דער און דער יאר וואס איך האב אנגעהויבן צו לעבן א בעסערן לעבן, 'פון דא און ווייטער איז גוט', און בעפאר דעם איז אלעס געגאנגען אין שאול תחתית. דער מענטש האט נישט דעם כח צו דערהערן פון דער פרשה פון ביכורים פונקט פארקערט: "דו האסט זיך געמוטשעט אזויפיל יארן, דו האסט נישט געהאט די ליכטיגע הסתכלות, אבער דאס איז אלעס געווען א חלק פון דיין ישועה, אָן דעם וואלסטו נישט געקענט זוכה זיין צו דאס וואס דו ביסט היינט זוכה! די אלע פראבלעמען און שוועריקייטן וואס דו ביסט אריבער אזויפיל יאר, איז נישט עפעס וואס מען דארף אויסמעקן און פארגעסן דערפון, נאר דאס האט דיר געברענגט צום פלאץ וואו דו שטייסט היינט! ווען נישט דו זאלסט זיך אזויפיל יאר מוטשען און פלאגן, וואלסטו נישט געקענט זוכה זיין צו אלעס גוטס וואס דו האסט היינט!".

### יעדן טאג ביים בענטשן דאנקט מען אויף 'גלות מצרים'

**מען** זאגט ביים בענטשן: "**נודה לך הוי'ה אלקינו על שהנחלת לאבותינו ארץ חמדה טובה ורחבה**" - מען דאנקט דעם אויבערשטן אויף דער גוטער לאנד וואס ער האט אונז געגעבן. אבער באלד לייגט מען צו נאכדעם: "**ועל שהוצאתנו ה"א מארץ מצרים ופדיתנו מבית עבדים**" – דו האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים. לכאורה וואלט מען געדארפט זאגן פארקערט – לויטן סדר די מעשה האט פאסירט, קודם יציאת מצרים און נאכדעם פארציילן אז מען האט באקומען דאס לאנד?! אבער ניין! יציאת מצרים איז נישט עפעס א טעכנישע זאך וואס איז געווען בעפאר די גוטס – וואס מען גיבט עס אזא זאג אפ, שוין, ברוך השם מען איז ארויס פון מצרים, כדי צו קענען באקומען די גוטע לאנד. ניין! יציאת מצרים איז נישט געווען נאר כדי צו ענדיגן א שווערע תקופה און מען זאל קענען פארגעסן פון אלע צרות פון מצרים, נאר באמת איז די גאנצע גוטס וואס מען האט היינט, יעדע מינוט וואס מען האט דעם 'טוב הנצחי' וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן – איז דאס נאר ווייל מען איז געווען אין גלות פריער! דערפאר דערמאנט מען 'יציאת מצרים' אינמיטן די ברכה פון הודאה! נאך וואס מען דאנקט שוין אויף א גוטע לאנד, דעמאלט דאנקט מען אויף דער גלות וואס מיר זענען געווען, דאס האט צוגעברענגט אז מען זאל קענען האבן א יציאת מצרים און באקומען די גוטע לאנד.

### נישט אויסמעקן גארנישט פון זכרון – ווייל אלעס איז חלק פונעם הערליכן בילד

**אט** די נקודה נעמט ארויס א מענטש פון דער פרשה פון ביכורים. ער הייבט אָן צו פארשטיין ווי יעדע זאך וואס גייט אריבער אויף אים, יעדע שווערע תקופה וואס ער שפירט זיך ממש אין מצרים פארקנעכטעט און פארשקלאפט אונטער זיינע שוועריקייטן, אלע זיינע דורכפעלער און נפילות וואס ער האט בגשמיות וברוחניות, אלעס אָן קיין אויסנאם – איז א חלק פון דער גרויסער ישועה! ווען ער וועט קומען דאנקען

דעם אויבערשטן זאל ער געדענקען מיטצובערענגען אלעס, און גארנישט אויסמעקן! מען מעקט נישט אויס קיין איין שורה פון דעם ספר הזכרונות, ווייל יעדע קלייניקייט און יעדע גרויסע זאך וואס איז אריבערגעגאנגען אויף אים, אלעס איז א חלק פון דער טובה.

### ושמחת בכל הטוב – אויך די שוועריקייטן איז א חלק פונעם טוב

**דאס** איז וואס דער פסוק זאגט אין אונזער פרשה: "ושמחת בכל הטוב" – דער אויבערשטער פאדערט פון אונז מיר זאלן זיך פרייען מיט די גאנצע גוטס. ווייל די שמחה איז מיט די 'גאנצע' גוטס, נישט בלויז מיט די אפענע גוטס – 'טוב הנגלה והנראה', נאר אויך מיט אלע מעברים – וואס דאס איז געווען א חלק פון דער טוב. א מענטש זאל פארשטיין, אז ווען ער זאל זיך וויייניגער מוטשען אין לעבן – וואלט ער געהאט וויייניגער ליכטיגקייט יעצט. עס איז דאך אזא איידעלע נקודה אין עבודת השם.

### בנערינו ובזקנינו – מיר נעמען מיט אלע סארט תקופות אין לעבן

**פרעה** זאגט פאר משה רבינו: "לְכוּ נָא הַגְּבָרִים וְעִבְדוּ אֶת הוי'ה כִּי אֹתָהּ אַתֶּם מְבַקְשִׁים". פרעה - דאס איז דער יצר הרע - זאגט פארן איד: "דו ווילסט גיין דינען דעם אויבערשטן? ערלעדיגט! אבער גיי נאר מיט דיינע גוטע מינוטן! נאר מיט דיין גדלות און דערהויבנקייט! נאר מיט 'גברים', דאס הייסט, העכערע מדריגות, ווען עס גייט דיר גוט, דאס ברענג צום אויבערשטן". אבער משה רבינו זאגט: "ניין, "בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ בְּצֹאנֵנוּ וּבִבְקָרֵנוּ נֵלֵךְ" – ווען מען קומט צום אויבערשטן קומט מען מיט אלעס! מען קומט נישט נאר מיט גדלות המוחין ווי מלאכים, נאר מען קומט מיט דעם גשמיות'דיגן און חומריות'דיגן גוף, מיט דעם וועט מען דינען דעם אויבערשטן. "בנערינו" - מיט אלעס וואס מען איז אריבערגעגאנגען אין די קינדער יארן, אלע שוועריקייטן וואס מען האט נאך פון דעמאלט, "בזקנינו" - אלע שווערע זמנים וואס מיר זענען געווען ווי זיידעס, אפגעשוואכט, מיואש'דיג אָן קיין כח, "בצאננו" - אלעס וואס מען איז אריבערגעגאנגען ווען מען האט זיך אויפגעפירט און אויסגעקוקט ערגער ווי א בהמה, נאך ערגער ווי שאף און רינדער, דאס אלעס נעמט מען מיט צו דינען דעם אויבערשטן!

### א 'מלוכה' בויעט זיך פון אלע שיכטן און קרייזן

**דאס** קומט פונדעם וואס א מענטש פארשטייט, אז אלעס וואס עס טוט זיך אפ אין דער וועלט בכלליות, און מיט אים בפרטיות - איז פארן כבוד און מלוכה פונעם אויבערשטן! ווייל ווען עס קומט צו מלוכה דארף זיין אלעס אריינגערעכנט, אלע קאלירן און אלע זאכן, 'ברוב עם הדרת מלך', 'מלך' - איז אותיות 'כֻּלָּם' – אלעס! דער עיקר מלוכה איז דוקא ווען עס איז דא א גאנצע פאלק, גרויסע און קליינע, שוואכע און שטארקע, אלעס צוזאמען; ווי מען זעט אין פרשת נצבים ווען מען רעדט פון דער מלוכה פונעם אויבערשטן, שטייט דארט אין פסוק (דברים כט ט-י): "אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי הוי'ה אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ" – פון דער שטארקסטער ביז דער שוואכסטער, אלעס איז א חלק וועלכע איז נצרך פאר דער מלוכה פונעם אויבערשטן.

### רעד נישט בלויז פון דיינע הצלחות – דערציייל מיר דעם אנדערן האלב מעשה...

**ווען** א מענטש קומט אין בית המקדש מיט א קארב פון פירות אין זיינע הענט, זיין הארץ טאנצט און שפרינגט פון שמחה, און ער וויל דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן, זאגט אים די תורה: "איין מינוט, הייב נישט אָן דערציילן דיינע גרויסע הצלחות און דיינע געוואלדיגע ישועות, הייב אָן קודם פון 'ארמי אובד אבי', לייג אראפ ווי שווער מען האט זיך געמוטשעט! רעד אביסל פון דיינע שוועריקייטן, זאג: "וירעו אתנו המצרים ויענונו ויתנו עלינו עבודה קשה ונצעק אל הוי'ה אלקי אבתינו וישמע הוי'ה את קלנו וירא את ענינו ואת עמלנו ואת לחצנו"'. דאס איז אלעס א חלק פון דער הודאה, "כי ממנו נעבוד את הוי'ה" ווי משה רבינו האט געזאגט פאר פרעה: "מען וועט דינען דעם אויבערשטן מיט אלע שוועריקייטן, פון דעם

וועט מען זיך דערהייבן און דאס וועט זיין אונזער גאולה". דאס איז דער סיפור יציאת מצרים וואס מען פארציילט פסח ביינאכט, מען נעמט די פסוקים און מען דרשנ'ט אויף דעם, יעדעס ווארט ווערט א גאנצע דרשה. דאס איז דער יסוד פון הודאה.

**בשמחה מרוב כל – ווער זאגט אז ער האט 'רוב כל'?**

**שפעטער** אין דער וואכעדיגער פרשה, נאך די ביטערע 'תוכחה' שטייט אין פסוק: **"תחת אשר לא עבדת את הוי'ה אלהיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל"** – די אלע צרות וועלן קומען צוליב דעם וואס דו האסט נישט געדינט דעם אויבערשטן מיט א שמחה און א גוטע געמיט פון די אלע גוטס. לכאורה איז שווער צו פארשטיין: די תורה פאדערט פון יעדן איינעם זיך צו פרייען מיט אזויפיל גוטס וואס ער פארמאגט?! צי דען זענען אלע מענטשן עשירים?! אלע מענטשן זענען געזונט? אלע מענטשן האבן זיך מיט וואס צו פרייען? וואס איז דער "רוב כל" וואס די תורה פאדערט פון א איד?!

**'מרוב כל' מיינט נישט 'אלעס גוטס' – עס מיינט 'אלעס איז גוט'**

**נאר** א מענטש פארשטייט אז "מרוב כל" מיינט, צו פארשטיין אז 'כל' איז גוט! א מענטש דארף דערהערן אז אלעס איז גוטס! אויף אלעס דארפסטו זיך פרייען! און דאס איז וואס דער אויבערשטער פאדערט פון דיר, פארוואס האסטו זיך נישט געפריידט מיט אלעס וואס איז אריבער, מיט דיין עניות און שוועריקייטן, מיט דיינע נסיונות און יסורים; ווי די משנה זאגט (ברכות פ"ט מ"ה) "חייב אדם לברך על הרעה כשם שהוא מברך על הטובה", א מענטש דארף זיך פרייען מיט אלעס, ווייל אפילו אלע שוועריקייטן, אלע העלמות און הסתרות, אלעס איז א חלק פון 'טוב'.

**ג.**

## סליחות אויף אלץ וואס איז געווען דורכאויס דאס יאר – אז אלעס איז געווען א 'כבוד שמים'

**די בושה זיך אוועקצושטעלן קעגן איבער דעם אויבערשטן סוף יאר**

**מען** שטייט שוין סוף יאר, און יעדער איינער וויל תשובה טון, בפרט אין א צייט פון רעוא דרעוין אין א שבת סליחות. מען גרייט זיך צו קומען און בעטן ביים אויבערשטן 'כדלים וכרשים' – ווי ארימעלייט וועלכע קלאפן אויפן טיר און זאגן 'מיר האבן גארנישט', "לך הוי'ה הצדקה ולנו בושת הפנים", ווייל עס איז טאקע נישטא קיין גרעסערע בושה ווי דאס, וויאזוי מיר קוקן אויס כלפי דעם אויבערשטן.

**מען טוט תשובה דורכן צוריקברענגען 'אלעס' צום אויבערשטן**

**אבער** א איד שטייט און זאגט פארן אויבערשטן: "איך נעם אלעס צוזאמען, איך באהאלט נישט גארנישט פון דיר, ווייל איך וויל פאררעכטן די אלע שוועריקייטן וואס איך בין אריבער דעם יאר – דורכדעם וואס איך וועל עס ברענגען צו דיר! דורכדעם וועט עס זיין ווי ביכורים! איך וויל זיין קלאר, אז אלעס וואס מען איז אריבערגעגאנגען – איז אלעס געווען פאר דיין כבוד!". און דורכדעם וועט מען זוכה זיין צו א התחדשות; ווי עס ווערט ארומגערעדט אין לקוטי הלכות (בשר בחלב ה"ג אות יג[1]).

[1] ל"ה (שם) כי עיקר חיוב בכורים מרמז על התחדשות, שצריכין להתחדש בכל פעם ולהתחיל בכל פעם מחדש ואל יבהילוהו רעיונים על כל ההרפתקאות והמניעות והתגברות היצר הרע וכו' וכו'. וכל מה שעובר עליו, כי יזכור חסדי ה' ונפלאותיו אשר עשה עמנו בכלליות ובפרטיות ממצרים ועד הנה. וגם מקודם שירדו למצרים בעת שרדף לבן הארמי את יעקב, וכל מה שעבר בין יעקב ולבן בעת שעבד אצלו ולבן רמה אותו עשרת מונים ולא נתנו אלקים להרע עמדו וכו'.
ולא דער שלא עלתה בידו לאבדו, חס ושלום, כרצונו הרע, אף גם הוציא ממנו בנותיו רחל ולאה שעל ידם נבנה העולם והעמיד מטה שלמה מהם, שהם השבטים הקדושים, שעל ידם עקר התגלות האלקות בעולם, כי לא היה בהם שום פסול, וכולם ענו ואמרו בשעת הסתלקות יעקב, "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד וכו'". וכל מה שעבר על ישראל מאז ועד הנה אין כל פה יכול לדבר וכו'.

**דוגמא: נאכדעם וואס דאס קינד איז שוין דורכגעגאנגען די שווערע יארן – דאנקען די עלטערן אויף אלע יארן פון צער גידול בנים**

**פאר** א מענטש איז זייער שווער צו זען 'זיך אליין' מיט אלע מעברים וואס ער איז אריבערגעגאנגען, און אנערקענען וויפיל גוטס ער האט זוכה געווען דורך אלע מעברים. ווייל ווען א מענטש האט שוין גוטס - האט ער שוין לאנג פארגעסן פון די שוועריקייטן... עס איז אים שווער צו געדענקען די שוועריקייטן. און דערפאר קען עס אויסקוקן פאר א מענטש אז אלעס וואס מען רעדט דא, איז גרויסע ענינים און מדרגות אין עבודת השם. אבער מען קען דאס מקרב זיין אל השכל: אסאך מאל זעען עלטערן ווי זייערע קינדער הייבן אָן צו אונטערוואקסן – יעדער איינער לויט זיין פלאץ און מצב, מען זעט ווי דאס קינד שפראצט אין תורה, אין תפילה, אין מצות און מעשים טובים. און די עלטערן דערמאנען זיך די אלע 'מעברים' וואס זיי האבן דורכגעמאכט מיט דאס קינד, אלע 'צער גידול בנים' וואס זיי האבן זיך געמוטשעט און געפלאגט יארן אויף יארן. דעמאלט איז זיי גרינגער צו דאנקען אויף די שוועריקייטן! ווייל פארט שטייען זיי פונדרויסן פונעם קינד, און זיי האבן די געלעגנהייט זיך מתבונן צו זיין אינעם גאנצן בילד. און דערפאר, ווען זיי קומען דאנקען דעם אויבערשטן – דאנקען זיי נישט בלויז אויף די תוצאות, נאר זיי דאנקען אויפן גאנצן עבר! זיי אנערקענען אז אלע שווערע תקופות וואס מען איז דורכגעגאנגען מיט דאס קינד, איז אלעס געווען א חלק פון דער הצלחה פונעם קינד! און זיי געבן א שבח והודאה פאר די אלע יארן פון 'צער גידול בנים'.

**די שמחה ביי ביכורים איז געווען בלויז ביזן טיר פון בית המקדש**

**די** משנה (בכורים פ"ג מ"ג) לייגט אראפ די גרויסע שמחה וואס איז געווען ווען א מענטש איז געקומען קיין ירושלים מיט ביכורים: "דער אקס איז געגאנגען פון פאראויס, באדעקט זיינע הערנער מיט גאלד, און אויף זיין קאפ איז געווען א קרוין פון בלעטער פון אן איילבירטן בוים, און דאס פייפערל האט געשפילט פאר זיי ביז מען איז אנגעקומען צו ירושלים, ווען מען איז אנגעקומען צו ירושלים זענען אלע אנטקעגן געקומען, אלע ביזנעסלייט פון ירושלים זענען געשטאנען פארנט פונעם מענטש וואס ברענגט ביכורים און אים באגריסט און געזינגען, און אלע האבן אים באגלייט ביזן הר הבית". עס איז געווען אזא מצב! א מהומה פון שמחה, האט זיך אפגעטון אינדרויסן פון דער עזרה; ווי מען האט געזינגען און געטאנצן און זיך געפריידט.

**אין בית המקדש גופא האט זיך אנגעהויבן א נוסח פון רעדן פון שוועריקייטן**

**דאס** איז אבער אלעס געווען פונדרויסן פון דער עזרה, אבער איינמאל מען איז אריינגעקומען אינעווייניג, דער כהן האט אויפגעהויבן די ביכורים צוזאמען מיטן איד, דעמאלט האט דער איד אנגעהויבן צו זאגן אלע צרות און שוועריקייטן וואס איז אריבער אויף אידישע קינדער! דארט אין בית המקדש איז שוין נישטא קיין געפילדער, דארט איז שוין נישטא קיין רעש, דארט גייט מען אראפ פונעם 'גדלות המוחין', און מען הייבט אָן פארציילן דעם גאנצן אמת! מען דארף ברענגען דעם ספר הזכרונות און אנהייבן צו פארציילן אלע שווערע מעברים וואס מען איז אריבער! און אט דאס איז דער עיקר שמחה און הודאה, ווען מען פארגעסט נישט פונעם עבר און מען פריידט זיך נאר מיט דער הוה, נאר מען פריידט זיך אויך מיטן שווערן עבר וואס מען איז אריבער, ווייל מען פארשטייט אז דאס איז אלעס געווען א חלק פון דער גוטס.

---

וכן בפרטיות עוברים כל אלו הבחינות על כל אחד מישראל, כי כל אחד עומדים עליו בחינת לבן ועשו ומצרים וארבע מלכיות וחילותיהם, וכולם עומדים על ישראל בכל דור ודור בכלליות וכן בפרטיות עומדים כולם על כל אחד ואחד לכלותו, חס ושלום, והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם, דהיינו כל הרדיפות וההסתות וההתגרות שהיצר הרע וחילותיו מתגרים בכל אדם בכל יום ובכל עת. שהכל נמשך מבחינת הקליפות הנ"ל, לבן ועשו וכו', כי גם לבן ועשו ומצרים, כל התגרותם בישראל היה רק שהתלבש הבעל דבר בהם להתגרות בישראל על שהם הולכים בדרך ה' שמסר להם אברהם אבינו, וחזקים באמונת הבורא היחיד המשגיח ומושל בכל וכו':

**תוספות** זאגט (ב"ב כא.) אז מען האט געברענגט די קינדער צו לערנען אין א חדר אין ירושלים, כדי זיי זאלן זען ווי די כהנים טוען די עבודה און אזוי וועט זיך אריינבאקן אין זייערע הערצער יראת שמים. און דערפאר האט מען געדארפט ברענגען אלע מעשר שני קיין ירושלים; ווי עס שטייט אין פסוק 'למען תלמד ליראה', ווייל ווען מען האט געזען די כהנים ביי דער עבודה – האט מען באקומען יראת שמים. קען מען צולייגן: אז דער לימוד וואס מען האט געזען אין ירושלים ביי 'ביכורים' – האט אויך אריינגעבאקן אין הארץ פונעם קינד, א כח פון 'הודאה' אויף אלעס! און דאס האט אים באגלייט אויף שפעטער – יעדער איינער אין זיין נקודה אין עבודת השם, אז ווען ער וועט האלטן ביים 'ברנה יקצורו' זאל ער נישט פארגעסן פון 'הזורעים בדמעה'! ער זאל דעמאלט דערהערן, אז דער 'הזורעים בדמעה', די טרערן וואס ער האט פארגאסן, דאס איז אלעס געווען כדי צו קענען אנקומען צו דער גרויסער פרייד שפעטער! דאס אלעס האט געברענגט תענוגים און שעשועים פארן אויבערשטן!

### אמאל איז דער חבר א 'תאנה שביכרה'

**ווען** א מענטש פארשטייט דאס אויף 'זיך אליין', קען ער דאס אויך פארשטיין אויף אנדערע, אז אלע שוועריקייטן וואס יענער מוטשעט זיך - איז אלעס צו צוקומען צו דער גוטס. פונקט ווי ביי ביכורים – דער מענטש שטייט ביי זיך אין פעלד און זעט א פייג האט אנגעהויבן צו צייטיגן, באלד לויפט ער אין בית המקדש און הייבט אָן צו פארציילן פארן אויבערשטן וואספארא גוטס דו האסט געטון מיט מיר – פון 'גלות מצרים' ביז יעצט. אזוי אויך, אסאך מאל קוקט א מענטש אויף זיין חבר, און ער זעט ווי יענער גייט אריבער אזעלכע שווערע נסיונות און יסורים, און דער מענטש מוטשעט זיך 'בהדי כבשי דרחמנא', ער קען נישט פארשטיין דעם אויבערשטנ'ס וועגן: פארוואס דארף יענער אריבערגיין אזעלכע שוועריקייטן? אבער א מענטש קען אויך האבן א כח צו קוקן אויף יענעם גוט און צו זען אז יענער האט עפעס א הארה! עפעס א נאנטקייט צום אויבערשטן באקומט יענער פון די אלע שוועריקייטן וואס ער גייט אריבער! און באלד איז 'כורך עליו גמי' – ער לייגט ארויף א שטריק אויף דער 'תאנה' וואס האט דא אנגעהויבן צו וואקסן, ער מאכט זיך א סימן: "אה, עס האט זיך אנגעהויבן! עס האט אנגעהויבן צו שפראצן עפעס אביסל גוטס! יענער וועט נאך איין שיינעם טאג אנקומען אין בית המקדש, און אנערקענען אז אלע שוועריקייטן וואס ער איז אריבער – איז אלעס געווען גוטס!". און אויפדעם איז געזאגט געווארן דער פסוק (תהילים לז י) **"וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע"** – ווען א מענטש זעט דאס ביסל גוטס און התקרבות וואס יענער האט צום אויבערשטן, **"וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ"** – פארשטייט ער, אז די אלע התרחקות'ן וואס יענער איז אריבער ביז היינט – איז אלעס געווען 'כולו התקרבות'.

*****

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין אין די לעצטע טעג פון יאר, צו האבן דעם ריכטיגן דעת, דעת הצדיקים, וואס זיי שיינען אריין אין אונזער מוח און הארץ, מען זאל נישט קוקן נאר אויף דער תוצאה, אויף דער גוטס וואס מען האט יעצט, נאר מען זאל קענען נעמען דעם גאנצן עבר, אלע שוועריקייטן, אלע יסורים און צער וואס מען איז אריבער, און פארשטיין אז דאס איז אלעס געווען טוב האמתי – יעדער איינער אין זיין נקודת עבודה.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו דער דאזיגער ליכטיגקייט – וועלכע איז דאך א בחינה פון א גאולה, מען זאל טרעפן די גאולה אין אלע שוועריקייטן וואס מען גייט אריבער. דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין, צום 'אורו של משיח', וואס דאס שיינט יעצט אין די פערציג טעג צווישן ראש חודש אלול און יום כיפור, וואס משה רבינו - וואס ער איז משיח; ווי עס שטייט אין זוהר 'משה דא משיח' – האט אריינגעשיינט דעם 'כח התשובה', אז מען זאל קענען פארשטיין, אז אלעס וואס

מען גייט אריבער, איז אלעס נאר כדי צו נענטער ווערן צום אויבערשטן, און עס זאל ווערן כבוד שמים פון אלע שוועריקייטן וואס מען איז אריבער.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין אין די איצטיגע טעג, צום אור פון די י"ג מידות של רחמים. מען זאל זוכה זיין, עס זאל זיך עפענען די הערצער פונעם כלל ישראל, דער אויבערשטער זאל העלפן, דורך די שלש עשרה מדות של רחמים זאל יעדער איינער זוכה זיין, עס זאל זיך עפענען זיין פרטיות'דיגער הארץ, ער זאל פארשטיין אז 'רצוננו לעשות רצונך'. מיר זאלן זוכה זיין צו דער גאולה השלימה במהרה בימינו, אמן.

# נאנט צו דיר פרשת כי תבוא תש"פ

# נושא: דיין ארציות איז תורה'דיג און הייליג

## א.

## דער אויבערשטער וויל רוען אויף דיין גוף – לאז אים

די תורה הקדושה זאגט דער וואך די מצוות וואס אידן זאלן טון באלד ביים אריינקומען קיין ארץ ישראל:

"וַיְצַו מֹשֶׁה וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הָעָם לֵאמֹר וגו' וְהָיָה בַּיּוֹם אֲשֶׁר תַּעַבְרוּ אֶת הַיַּרְדֵּן וגו' וַהֲקֵמֹתָ לְךָ אֲבָנִים גְּדֹלוֹת וְשַׂדְתָּ אֹתָם בַּשִּׂיד וְכָתַבְתָּ עֲלֵיהֶן אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת וגו' וְהָיָה בְּעָבְרְכֶם אֶת הַיַּרְדֵּן תָּקִימוּ אֶת הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם בְּהַר עֵיבָל וְשַׂדְתָּ אוֹתָם בַּשִּׂיד וּבָנִיתָ שָּׁם מִזְבֵּחַ לַהוי'ה אֱלֹהֶיךָ מִזְבַּח אֲבָנִים לֹא תָנִיף עֲלֵיהֶם בַּרְזֶל אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת תִּבְנֶה אֶת מִזְבַּח הוי'ה אֱלֹהֶיךָ וְהַעֲלִיתָ עָלָיו עוֹלֹת לַהוי'ה אֱלֹהֶיךָ וכו' וְכָתַבְתָּ עַל הָאֲבָנִים אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת בַּאֵר הֵיטֵב" (דברים כז א-ח).

משה רבינו און די 'זקני ישראל' האבן באפוילן דאס פאלק: ווען עטץ גייט אריבער דעם ירדן זאלט עטץ אויפשטעלן גרויסע שטיינער, אנשמירן מיט קאלעך און אויפשרייבן דערויף די גאנצע תורה.

### דריי מאל געשריבן די גאנצע תורה אויף שטיינער

די דאזיגע מצוה ווערט איבער'געחזר'ט עטליכע מאל, און עס שטייט פונקטליך ארויסגעשריבן וואס מען דארף טון אין יעדן פלאץ וואו מען קומט אָן, מאכן פון די שטיינער א מזבח און דערנאך שרייבן אויף דעם די גאנצע תורה. רש"י ברענגט אראפ פון גמרא (סוטה לה:): "דריי מאל האט מען אראפגעשריבן די תורה אויף שטיינער, דאס ערשטע מאל – האט עס משה געטון ווען ער איז נאך געווען אין ארץ מואב; ווי עס שטייט אין פסוק (דברים א' ה'): "**בעבר הירדן בארץ מואב הואיל משה באר את התורה הזאת**". דאס צווייטע מאל – האט עס יהושע געטון, ווען מען איז אריבער דעם ירדן האט זיך דער טייך געשפאלטן און דאס וואסער האט זיך אפגעשטעלט, דעמאלט האט יהושע ארויס גענומען צוועלף שטיינער פון וואסער, און אויפגעשטעלט א מזבח דערפון, און דערנאך געשריבן די תורה אויף די דאזיגע שטיינער. דאס דריטע מאל – האט עס יהושע געטון אין גלגל, וואס דארטן האט ער נאכאמאל גענומען צוועלף שטיינער און אויפגעשריבן דערויף די גאנצע תורה.

### א מזבח דארף זיין פון גאנצע שטיינער

פון אט די פסוקים לערנט מען ארויס די הלכות פון בויען א מזבח, אז דאס מוז זיין דוקא מיט גאנצע שטיינער – און נישט מיט קיין צעהאקטע שטיינער. אויך אין פרשת יתרו – באלד נאך מתן תורה – שטייט דארטן א פרשה וועגן בויען א מזבח, אז מען טאר נישט שניידן די שטיינער פונעם מזבח מיט קיין אייזערנע געציג, דאס נעמט אוועק די קדושה פונעם מזבח. דא ווערט נאכאמאל ארויסגעברענגט אין דער תורה, אז די שטיינער פון א מזבח מוזן זיין מיט א שלימות, עס מוז זיין מיט א גאנצקייט, און עס טאר נישט ווערן געשניטן.

### וואס האט די דאזיגע מצוה שייכות מיט אונז?

מיר זעען דא א ספעציעלן עסק מיט שטיינער – און דוקא מיט גאנצע שטיינער – בשעת ווען אידן גייען אריין קיין ארץ ישראל. אז ווי נאר אידן קומען אריין קיין ארץ ישראל, האבן זיי באלד געמוזט אוועקשטעלן צוועלף גאנצע שטיינער, מאכן דערפון א מזבח, מקריב זיין קרבנות אויף דעם, און שרייבן

דערויף די גאנצע תורה. איינמאל אויפן וועג קיין ארץ ישראל – אין ירדן, און צוויי מאל באלד נאכן אריינקומען. עס איז עפעס א זאך וואס מען דארף אריינטראכטן דערין און טרעפן וואס דאס האט מיט אונז. ווייל מיר ווייסן דאך און מיר גלייבן דאך אז די תורה איז נצחיות, יעדעס ווארט פון דער תורה איז נוגע פאר יעדן איד, אין יעדן פלאץ און אלעמאל.

### ארץ ישראל איז דער גוף פונעם איד

**מען** זעט אז ווען אברהם אבינו האט געבעטן אויף קינדער, האט אים דער אויבערשטער צוגעזאגט אז ער וועט האבן א קינד יצחק און ער וועט ירש'נען ארץ ישראל. אברהם האט דאך בכלל נישט געבעטן אויף ארץ ישראל? פארוואס זאגט ער אים יעצט צו ארץ ישראל? נאר פשט איז: באלד ווען מען זאגט אים צו א קינד - א נשמת ישראל, וואס וועט ווייטער ממשיך זיין דעם כלל ישראל, זאגט מען אים אויך באלד, אז עס וועט אויך זיין אן 'ארץ ישראל' – וואס דאס איז דער גוף פון כלל ישראל.

### די מצוה פון 'שטיינער' העלפט צו פארן שלום בית צווישן 'גוף' און 'נשמה'

**אין** דאך זיכער אז דא אין דער ספעציעלער מצוה ווען גייען אידן אריין אינעם לאנד וועלכער איז ווי דער 'גוף' פון כלל ישראל - ליגט באהאלטן א מהלך וואס איז נוגע פאר אונז אויך, וויאזוי מאכט מען אט דעם 'יחוד' פון 'נשמה בתוך גוף', צו קענען מגלה זיין דא אונטן – די הייליגקייט און איינציגקייט פונעם אויבערשטן, 'קודשא בריך הוא אורייתא וישראל חד', דוקא דורך 'גאנצע שטיינער' וואס מען איז מקריב אויף דעם 'קרבנות' און מען שרייבט דערויף די תורה. דארף מען זיך דאך אוודאי מתבונן זיין אין די פרטים פון אט דער מצוה, אז יעדער איינער זאל קענען ארויסנעמען דערפון א פרטיות'דיגע הוראה וויאזוי אריבערצוגיין זיין אייגענעם ירדן, זיינע שוועריקייטן, און אריינגיין אין זיין אייגענעם ארץ ישראל, דאס מיינט, זיין 'ארציות', וועלכע איז הייליג בקדושת ארץ ישראל, זייענדיג א הייליגער גוף פון א איד, וואס אויף דעם איז געזאגט געווארן 'ובנו בחרת מכל עם ולשון'; ווי דער בעל התניא זאגט (תניא פרק מט), אז דאס גייט ארויף אויפן גשמיות'דיגן גוף וועלכער קוקט אויס פונקט ווי דער גוף פון א גוי, און באמת איז דאס הייליג און אויסדערוועלט פארן אויבערשטן. פון אט דער פרשה וועט מען זיך מתבונן זיין, וויאזוי לעבט מען מיט א 'יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה' דוקא אינעם 'ארץ', אינעם 'ארציות', אינעם גשמיות און חומריות – דורך די 'אבנים שלימות' וואס מען איז מקריב דערויף קרבנות און מען שרייבט דערויף די גאנצע תורה.

### אבן – אב ובן כחדא – די איינציגקייט פון טאטע און קינד

**דער** סוד פון א שטיין ווערט אנגערופן 'אבן', דאס איז פונעם לשון 'אב ובן' – א טאטע און א קינד. ווייל 'אבן' האט אין זיךביידע ווערטער 'אב' און 'בן'; ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מ"ט כ"ד): "משם רועה אבן ישראל", זאגט דער תרגום: "דבמימריה זן **אבהן** ובנין זרעא דישראל", [ועי' בתרגום יונתן "ומתמן זכא למהוי פרנסא **ולאיתחברא** בגלוף שמהן על אבניא דישראל], דאס ווייזט אויפן 'חיבור' וואס איז פאראן צווישן א טאטן מיט א קינד. און נישט נאר אויף גשמיות'דיגן קשר, נאר אפילו אויף א רוחניות'דיגן קשר; ווי דער פסוק זאגט: 'רועה אבן' – א פאסטוך, איז מרמז אויף א רבי און תלמיד, און אזוי אויך בכלליות אויפן 'יחוד' און 'חיבור' צווישן די נשמה מיטן גוף.

### אין מדבר האבן אידן נישט געהאט קיין שייכות מיט שטיינער – אב ובן

**ווען** אידישע קינדער זענען געווען אין מדבר, זענען זיי נאכנישט אנגעקומען צום שלימות פון דער 'חיבור', צו לעבן און דינען דעם אויבערשטן 'נשמה בתוך גוף', זיי האבן געלעבט הימליש און אויסגעטון פון וועלט. דערפאר זענען טאקע די לוחות – וואס אויף דעם איז געווען אויסגעקריצט די תורה – נישט געווען פון 'מעשה ידי אדם', עס איז בכלל נישט געווען קיין גשמיות'דיגע זאך. סיי די 'ערשטע לוחות' – וואס דאס האט דער אויבערשטער באשאפן ערב שבת בין השמשות; ווי עס שטייט אין חז"ל (אבות פרק ה' משנה ו'). און

אזוי אויך די צווייטע לוחות – ווי עס שטייט אין חז"ל (פרקי דרבי אליעזר פרק מה), אז ווען דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו פסל לך שני לוחות אבנים, איז באשאפן געווארן פאר משה אין זיין געצעלט א שטיין, וואס פון דעם האט ער ארויסגעקראצט די לוחות, און דאס איז געווען אזוי געטליך פונקט ווי די ערשטע לוחות.

**איידער מען גייט אריין אינעם ערדישן לאנד – מוז מען האבן שייכות מיט ערדישע שטיינער**

**אבער** ווען אידישע קינדער האלטן שוין אט אט ביים אריינגיין אין זייער לאנד, און זיי וועלן שוין אנהייבן לעבן 'נשמה בתוך גוף', זיי וועלן לעבן אזא סארט לעבן פון 'גילוי אלקות' אין דער גשמיות'דיגער וועלט, אינעם 'עולם העשיה' – וואס דאס איז דער הויכפונקט און תכלית פון בריאת העולם, וואס דער אויבערשטער וויל האבן א 'דירה בתחתונים'; ווי חז"ל זאגן (תנחומא נשא). דא זאגט דער אויבערשטער פאר משה רבינו: "יעצט דארף מען שרייבן די תורה אויף געהעריגע געשמיות'דיגע שטיינער! יעצט וועט עס נישט זיין אויף קיין געטליכע שטיינער – וועלכע איז באשאפן געווארן ערב שבת בין השמשות, אדער אינעם געצעלט פון משה רבינו מיט גרויסע נסים – נאר יעצט וועט מען נעמען גשמיות'דיגע שטיינער פון דער ערד, פון אונטער דעם ירדן! כדי צו ווייזן פאר אידישע קינדער ווי שטארק זיי זענען מחובר און מקושר מיט דער הייליגער תורה – צוזאמען מיטן נאטורליכן מציאות החיים! וויאזוי מען קען זיין דבוק אין דער תורה – אפילו ווען מען איז פארגרעבט מיט ערדישע גשמיות, און מען גיבט זיך אפ מיטן 'גוף' און מיטן 'לאנד' – וואס דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט פון אלע אנדערע 'גופים' און פון אלע אנדערע 'לענדער', וואס דוקא דארטן קען מען מגלה זיין די קדושה פון כלל ישראל און די קדושה פון תורה!".

**שפאלטן דעם ירדן – א אידיש לאנד ווירטשאפט איז העכער פון טבע**

**דער** אויבערשטער האט באוויזן פאר די אידן גאר גרויסע נסים, ווען ער האט אויסגעטרונקט די וואסער פון ירדן. דאס איז געווען א הכנה פאר אידישע קינדער בשעת זיי זענען אריין געגאנגען קיין ארץ ישראל, ענליך צו דער הכנה פון קריעת ים סוף בעפאר מתן תורה. כדי אז אידישע קינדער זאלן וויסן מיט א קלארקייט, אז זיי זענען נישט ווי די גוי'אישע פעלקער וועלכע געפונען זיך אונטער 'סדרי בראשית' און אונטער דער 'טבע', אבער אידישע קינדער זענען נישט אזוי! זייער גאנצער גשמיות'דיגער מציאות איז א שטיק קדושה און דביקות אינעם אויבערשטן און זיין תורה! נאכמער ווערט דאס נתגלה, ווען מען געפונט זיך 'נשמה בתוך גוף' דוקא אינעם הייליגן לאנד, וואס דארטן ווערט ארויסגעברענגט אז דער איד איז צוגעבונדן צום אויבערשטן; ווי די גמרא זאגט: "ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל האט א באשעפער". זענען די ספרים הקדושים מסביר, אז אין אלע לענדער געפונט מען זיך אונטער א מלאך אדער שר, אפילו א איד ווען ער געפונט זיך דארטן און ער בעט פונעם אויבערשטן, מוז זיין שפע דורכגיין דורך א מלאך און שר, אבער אנדערש זענען די אידן פון ארץ ישראל וועלכע געפונען זיך נישט אונטער קיין שום מלאך און שר.

**דירה בתחתונים: מען קריצט אויס די תורה אויפן 'דומם' – א שטיין פון אונטערן אפגרונד**

**אבער** דער עיקר תכלית פון אויסטרוקענען די וואסער פון ירדן איז נישט נאר געווען אז מען זאל דורכגיין דעם ים מיט גרויסע נסים, נאר עס איז געווען א ספעציעלע כונה, אז די כהנים זאלן בלייבן דארטן שטיין און מען זאל ארויסנעמען שטיינער פון אונטער די וואסער. די שטיינער געפונען זיך שוין דארטן פון ששת ימי בראשית און עס קוקט אויס ווי א חלק פון דער גשמיות'דיגער וועלט, א 'דומם' וואס האט נישט אין זיך קיין שום קדושה. אט די שטיינער נעמט מען און מען מאכט דערפון א מזבח, מען איז מקריב אויף דעם קרבנות און מען שרייבט דערויף די הייליגע תורה. ארויסצוברענגען אז די תכלית פונעם אריינגיין אינעם לאנד, איז צו מגלה זיין דעם כבוד פון אויבערשטן אונטן! אין דער גרעסטער גשמיות און ארציות, אויפן נידריגסטן חפץ וואס עס איז נאר פארהאן אין דער בריאה, א שטיין וואס האט נישט קיין שום ווערד, אין דעם קריצט מען אריין די ווערטער פון דער תורה.

### אין מדבר האט מען כמעט נישט געדארפט מתפלל זיין

**ווילאנג** אידן זענען געווען אין מדבר, איז אלעס געווען אויף א צורה פון 'תורה' - וואס דאס איז 'מלמעלה למטה', אלעס איז געווען פונעם אויבערשטנ'ס זייט, דער אויבערשטער האט אונז אויסגעוועלט, געגעבן די תורה און אונז געגעבן צו עסן. עס איז כמעט נישט געווען א מציאות פון מתפלל זיין, נאכדערצו אן עת צרה'דיגע תפילה – וואס דעמאלט איז עס א 'חיוב תפילה מן התורה'. אידן האבן נישט געדארפט בעטן אויף רעגן, אויף מלחמות אדער אויף אלע אנדערע זאכן וואס דארט איז פארהאן א חיוב תפילה 'מן התורה'. און כאטש וואס משה רבינו האט יא געהאלטן אין איין בעטן פאר אידישע קינדער – יעדעס מאל וואס זיי האבן זיך פארזינדיגט און עס איז געווען א גזירה אין הימל אויף זיי, איז עס אבער נאכאלץ געווען 'פון אויבן אראפ' – דער אויבערשטער האט זיי אלעס געגעבן, און משה רבינו האט פאר זיי אלעס אויסגע'פועל'ט. אידן האבן זיך קיינמאל נישט געטראפן מגלה זיין דעם אויבערשטן אין די גשמיות'דיגע צרכים, מאכן א חיבור צווישן 'תורה' און 'תפלה', דינען דעם אויבערשטן מיט שטיינער – א חיבור פון 'אב' מיט 'בן'.

### אין ארץ ישראל האט מען כסדר געדארפט האבן 'תפלות בעת צרה'

**אבער** ווען אידן זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, וואס דארטן דארף מען באארבעטן די פעלדער, דארטן דארף מען פירן מלחמות מיט אלע פעלקער פאר די קומענדיגע זיבן יאר; וואס אויף דעם שטייט אין דער תורה, אז טאמער דו וועסט זיך געפונען אין א 'צר ומצוק', עס וועט זיין א מלחמה, אדער עס וועט נישט זיין וואס צו עסן, זאלסטו גיין שרייען צום אויבערשטן. דעמאלט האבן די אידן מגלה געווען דעם אויבערשטן אין דער גשמיות'דיגער וועלט, 'נשמה בתוך גוף'.

### דער קודש הקדשים איז א בחינה פון 'תורה' – פון אויבן אויף אראפ

**די** זעלבע זאך אין בית המקדש, וואס דארטן איז דער פלאץ פון 'חיבור' און 'יחוד' אויפן גרעסטן פארנעם, דארטן איז דא פון איין זייט דער 'קודש הקדשים', וואס דארטן ליגט די לוחות, די שכינה רוהט דארטן אויפן העכסטן פארנעם מלמעלה למטה, מקום הארון אינו מן המידה, דער פלאץ געפונט זיך אינעם שטח פון בנימין, וואס ער איז אן אושפיזין פאר דער שכינה.

### דער מזבח איז א בחינה פון 'תפלה' – פון אונטן אויף ארויף

**פונעם** אנדערן זייט געפונט זיך דער מזבח, וואס דארטן קומט א מענטש און איז 'זיך' מקריב פאר א קרבן פארן אויבערשטן, ער ברענגט זיין 'בהמיות' מיט זיינע אלע חטאים, און גיבט 'זיך זעלבסט' איבער פארן אויבערשטן מיט זיין גאנצע גשמיות. נעבן דעם מזבח איז דא א 'לשכת הגזית', וואס דארטן זיצן די אידישע חכמים און זענען עוסק אין 'תורה שבעל פה', זיי זענען מגלה נייע תורה – וואס דאס איז א בחינה פון 'תפילה', ווייל דאס איז אויך 'פון אונטן ארויף', דער איד מאכט פארן אויבערשטן תורה און תפילה פון דער גשמיות'דיגער וועלט. און דאס געפונט זיך אין שטח פון יהודה, וועלכער ווייזט אויף 'משיח בן דוד', וואס ער איז מגלה דעם כח פון 'תפלה לקל חיי'.

### צוועלף שטיינער – מתקן זיין דעם חטא פון צוועלף מרגלים

**פערציג** יאר פריער זענען אריינגעקומען אין ארץ ישראל צוועלף מרגלים, וואס זייער עבודה איז געווען צו אויפאקערן דאס לאנד און מגלה זיין דארטן 'טובה הארץ מאוד מאוד'. דערנאך וואלטן זיי געדארפט צוריקקומען צו אידישע קינדער און פארציילן אז זיי האבן געזען אין ארץ ישראל אזעלכע געוואלדיגע זאכן: עס איז דא דארטן א גשמיות'דיג לאנד פול מיט פעלדער און וויינגארטנער! מען קען דארטן מגלה זיין די מלוכה פון אויבערשטן! מען קען דארטן שרייבן די תורה אויף פשוט'ע גשמיות'דיגע שטיינער! מען קען דארט זיין מחובר און מקושר מיט די תורה – מיטן גשמיות'דיגן גוף!

**אבער** ליידער האבן די מרגלים נישט געזאגט פאר אידן אזעלכע סארט דיבורים, נאר זיי האבן גערעדט פארקערטע דיבורים, ווייל זיי האבן געוואלט בלייבן אין מדבר, עסן רוחניות'דיגע עסן און לערנען רוחניות'דיגע תורה. דערפאר האבן זיי גערעדט שלעכטס אויף די צוועלף שטיינער, זיי האבן גערעדט שלעכטס אויפן 'חיבור' צווישן דעם טאטן מיטן קינד, דער 'גוף' מיט דער 'נשמה', זיי האבן נישט געוואלט אריינגיין אינעם לאנד וואס דארטן מוז מען אויך גלייבן אין 'תפילה'. זיי האבן געוואלט לערנען תורה ווי א מלאך, פון לוחות וואס איז געשריבן מיט א געטליכער 'מכתב אלקים'. און דערפאר איז מען דאס מתקן מיט די צוועלף שטיינער, וואס מען מאכט דערין אן איינקריצונג פון 'רוחניות' אין 'גשמיות'.

## ב.

## שלימות איז נישט 'דארט' – שלימות מיינט אז דו ביסט צופרידן מיט דיין פלאץ 'דא'

### פארוואס מוז דער מזבח זיין 'אבנים שלמות' – דער גוף האט דאך נישט קיין שלימות?

**נאך** וואס מען האט מסביר געווען בסייעתא דשמיא פארוואס מען האט געשריבן די תורה דוקא אויף שטיינער. וועט מען פרובירן צו פארשטיין וואס איז דער ענין פארוואס עס האט געמוזט זיין דוקא אבנים שלימות - גאנצע שטיינער. אזוי אויך ביים מזבח, טאר אויך נישט זיין אויף דעם קיין שום פגם אין די שטיינער, עס מוז זיין מיט א מורא'דיגע שלימות. דאס זעט מען אויך ביי קרבנות, אז עס טאר נישט האבן קיין שום מום, עס דארף זיין מיט א תמימות און מיט א שלימות. וואונדערט זיך א מענטש: וואס האב איך מיט שלימות? בפרט ווען מען קומט רעדן צו אים איבער די עבודה פון 'נשמה בתוך גוף', די עבודת ה' אינעם נאטורליכן מציאות החיים – נישט ווען מען געפונט זיך אין די וואלקענעס און מען עסט מן – נאר ווען מען געפונט זיך אין גשמיות, דאן קוקט זיכער אויס פארן מענטש אז ער געפונט זיך אזוי ווייט פון שלימות. טא, וואס פאדערט פון אים די תורה, אז ווען ער קומט אריין קיין ארץ ישראל און בויעט א מזבח פארן אויבערשטן זאל עס דעמאלט האבן שלימות?

### דער גוף – כמו שהוא מיט אלע זיינע גופניות'דיקייטן – האט יא שלימות!

**אבער** אינ'אמת'ן איז נישט אזוי! די חסרונות און נסיונות וואס א מענטש האט, און אלע הסתרות וואס גייען אריבער אויף אים, דאס מאכט אים נישט פאר קיין בעל מום! עס נעמט נישט אוועק פון אים די שלימות חלילה! נאר פונקט פארקערט, אויב פארשטייט ער אז די גאנצע תכלית איז זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן - דאן ווערט ער א 'תמים' און א 'שלם' דוקא פון זיינע אלע חסרונות און שפלות! ווייל דער מלך מלכי המלכים, דער גרויסער הייליגער באשעפער, איז נישט ווי א פשוט'ער מענטשליכער קעניג, זאכן וואס קוקן אונז אויס פאר א פעלער, מיינט נישט צו זאגן אז פארן אויבערשטן ווערט דאס אויך פאררעכנט ווי א מום, נאר פונקט פארקערט, די שלימות וואס ער פאדערט פון אונז, איז צו נעמען מיט א 'תמימות' אלץ וואס ער טוט מיט אונז; ווי עס שטייט קלאר אין די תורה (דברים י"ח י"ג): **"תמים תהיה עם ה' אלקיך"**, איז רש"י מסביר: **"התהלך עמו בתמימות ותצפה לו ולא תחקור אחר העתידות אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות ואז תהיה עמו ולחלקו"** – דו זאלסט גיין מיטן אויבערשטן מיט א תמימות און דו זאלסט האפן צו אים און נישט אויספארשן וואס דער צוקונפט וועט ברענגען, נאר אלץ וואס קומט אויף דיר זאלסטו אננעמען מיט א תמימות. 'תמימות' און 'שלימות' - איז די זעלבע זאך, דער תרגום טייטשט טאקע אלעמאל אויפןווארט 'תמים' – 'שלים'.

### דער גרעסטער עובד ה' – אויב האלט ער אז דער אויבערשטער האט נישט ליב זיין גוף – איז ער ווייט פון 'שלימות'

**לאמיר** זיך נאר פארשטעלן: א מענטש וואס האט אלע מעלות אין דער וועלט, ער טוט אזעלכע גרויסע דערהויבענע עבודות, ער דאווענט און לערנט אויפן שטערקסטן פארנעם, אבער עס קוקט אים

אויס אז דער אויבערשטער איז נישט צופרידן פון אים, עס קוקט אים אויס אז דער אויבערשטער האט נישט קיין הנאה פון זיין עבודה, אזא איינער האט נישט קיין תמימות. ווייל **ער איז נישט מקבל מיט תמימות דעם פלאץ אוואו דער אויבערשטער האט אים אוועק געשטעלט!** דאס איז אן אמת'ער חסרון פון שלימות.

### דער וואס גלייבט אז זיין גוף האט אויך חן ביים אויבערשטן – איז א 'תמים ושלם'

**ווידעראום** ווען א מענטש גייט דורך – דאס וואס עס גייט דורך, אבער ווען ער קומט צום אויבערשטן גלייבט ער מיט א תמימות אין זיין חן ביים אויבערשטן, ער גלייבט אז דער אויבערשטער וויל אים, און אז ער וויל נאר ער זאל זיך דערנענטערן צו אים, ער שפירט די ליבשאפט און חיבה וואס דער אויבערשטער האט צו אים אָן קיין סוף און אָן קיין שום פעלער חלילה, דאן איז דער מענטש מקיים "תמים תהיה עם ה' אלקיך". ווייל ער גייט מיטן אויבערשטן מיט א תמימות און קוקט ארויף גראד צו אים, ער איז נישט חוקר מיט א פארביטערטקייט און דערווייטערטקייט נאך עתידות – צו זוכן צו אנטלויפן פונעם פלאץ אוואו דער אויבערשטער האט אים אוועק געשטעלט, ער איז נישט חוקר נאך קיין עתידות – צו אוועקשטעלן אז יעדן סארט קשר וואס ער האט מיטן אויבערשטן, זאל זיין אנגעוואנדן אין זיין הצלחה אין תורה און תפילה, צי עס וועט געלונגען אדער נישט, "אלא כל מה שבא עליו מקבל בתמימות" – אלעס וואס עס קומט אויף אים, נעמט ער אָן מיט א תמימות. אפילו די שוועריקייטן און נסיונות וואס ער האט, נעמט ער אָן מיט א תמימות און גלייבט אז ער איז ווייטער חשוב ביים אויבערשטן. אזא איינער האט 'אבנים שלימות', ער גלייבט אינעם קשר צווישן 'אב' און 'בן', אז עס איז נישט פאראן קיין שום פעלער און פגם אינעם 'נשמה בתוך גוף'. עס איז א גאנצער שטיין, א נצחיות'דיגער אייביגער קשר, וואס מען קען עס קיינמאל נישט פארלייקענען.

### אויך א 'חטאת' דארף זיין גאנץ אָן קיין פעלער – אויך דער בעל עבירה דארף האבן דעם תמימות אז דער אויבערשטער האט אים ליב

**אודאי** גלייבט ער אויך, אז אויף אלע זיינע עבירות און נסיונות וועט ער באקומען אלע עונשים; ווי עס שטייט קלאר אין חז"ל און אין ספרים הקדושים. אבער ער וועט קיינמאל נישט זיין קיין 'בעל מום', ווייל עס וועט אים קיינמאל נישט פעלן דאס תמימות צו גלייבן אז דער אויבערשטער וויל אים, צו גלייבן אז ער איז גוט ביים אויבערשטן, צו גלייבן אז דער אויבערשטער נעמט אָן מיט א נחת רוח דעם ריח פון זיינע קרבנות – אפילו ווער ער ברענגט חטאות און אשמות אויף עבירות, דאס אלעס נעמט אָן דער אויבערשטער מיט גרויס נחת רוח אויפן מזבח פון 'אבנים שלימות'. ווייל דער איד קוקט מיט א ריכטיגן בליק, אז נאך אלעס, אפילו עס איז אריבער וואס עס איז אריבער, נאך אלץ איז דא א קשר צווישן א טאטע מיט א קינד, א קשר פון א גאנצקייט, 'אבנים שלימות' מיט א תמימות וואס ווערט קיינמאל נישט געשעדיגט, און דער אויבערשטער וויל קיינמאל נישט אז ער זאל זיך דערווייטערן. און אזוי פרישט ער זיך אויף זיך צו דערנענטערן כסדר און זיך שטארקן אין תורה, אין תפילה, אין מצוות און מעשים טובים.

### די חטאים זענען בלויז א דרויסנדיגער פלעק וועלכע מען קען אפוואשן דורך עונשים

**מיט** דער מצוה וואס עס שטייט אין דער פרשה 'אבנים שלימות תבנה את מזבח ה' אלוקיך', דערהערט א איד צו גלייבן אין זיין תמימות און זיין שלימות, אז ער איז נישט עפעס א בהמה וואס קען האבן א מום, ער איז א הייליגער איד, א איד קען נישט האבן קיין פעלער אין די אויגן פון אויבערשטן. און דאס וואס א כהן קען האבן א מום וואס פסל'ט אים פון טון די עבודה - דאס איז נאר מצד 'חיצוניות העולמות', אבער מצד 'פנימיות העולמות' איז אודאי נישט פאראן אזא זאך אז איד זאל זיין א בעל מום, אפילו אויב עס וועט אריבערגיין אויף אים וואס עס גייט אריבער, א איד האט דאך נישט קיין שייכות צו קיין זינד. אודאי וועט ער באקומען אלע עונשים וואס קומט זיך אים, און מען טאר נישט זאגן אז דער אויבערשטער איז א וותרן; ווי די גמרא זאגט (בבא קמא נ.) נאר פונקט פארקערט, א איד דערהערט אז דער עונש וואס ער

וועט באקומען אויף יעדע קליינקייט, אויף יעדע מחשבה וואס ער האט געהאט אנטקעגן דעם אויבערשטן – איז נאר ווייל ער איז אזא שלימות'דיגע זאך, וואס דערפאר דארף מען אראפנעמען און אראפקראצן אלע פלעקן וואס האבן זיך צוגעקלעבט צו זיין נשמה פונדרויסן, אבער אונטער אלעם, די נשמה אליינס, איז באמת געבליבן גאנץ אָן קיין שום פלעק.

**צוועלף שטיינער קעגן די צוועלף שבטים – יעדער 'גוף' האט זיך זיין 'נשמה'**

**בעפאר** אידן זענען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, וואו מען הייבט אָן צו לעבן אזא סארט לעבן פון 'נשמה בתוך גוף' – יעדער איד אינעם פלאץ און נחלה וואס ער באקומט לויטן גורל, וואס איז באשטימט געווארן לויט זיין עבודה – דאן איז נתגלה געווארן דעם עצם'דיגן קשר צווישן יעדן איד מיטן אויבערשטן. ביז דאן איז נאר געווען איין מזבח און איין לוחות אין די הענט פון משה רבינו, אבער יעצט מאכט מען צוועלף שטיינער – אנטקעגן די אלע צוועלף שבטים. און אלע זענען גאנצע שטיינער, ווייל דאס שלימות איז, ווען יעדער איינער האט זיך זיין אייגנארטיגן קשר מיטן אויבערשטן און ער גלייבט אז דאס איז מיטן גרעסטן שלימות, א קשר פון א שטיין – אבן – 'אב ובן', א טאטע מיט א קינד, דאס איז א קשר וואס קען קיינמאל נישט געשעדיגט ווערן! דאס איז למעלה מטעם ודעת!

**'ערבות' – אויב איז דא שלום בית צווישן נשמה און גוף – ווערן אויך אלע אידן מקושר צוזאמען**

**ווען** עס איז דא אזא קשר צווישן א טאטע מיט א קינד, דאן ווייסן די ברידער אויך צווישן זיך פונעם געוואלדיגן קשר וואס זיי האבן צווישן זיך און זיי קענען זיך קיינמאל נישט אפשיידן. דערפאר האבן די אידן באקומען ערבות צווישן זיך באלד ווען זיי זענען אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל; ווי די גמרא זאגט (סנהדרין מג:). ווייל אין דער מינוט וואס עס ווערט קלאר דעם עצם'דיגן קשר וואס איז דא צווישן דעם טאטן מיטן קינד, צווישן דעם אויבערשטן מיט אידישע קינדער, דאן ווערן די אידן צווישן זיך – אויך געטריי און איבערגעגעבן איינער פארן צווייטן, ווייל יעדער איינער גלייבט אין זיין שלימות און אינעם שלימות פון אלע צוועלף שטיינער.

**אויב איז שוין די תורה איינגעקריצט אינעם גשמיות'דיגן שטיין – קען מען שוין ריכטיג דערהערן די קללות – לקרב ולא לרחק**

**באלד** דערויף זענען אידן געגאנגען צום הר גריזים און הר עיבל און אויסגעהערט אלע ברכות – פאר ווער עס היט די תורה און אלע קללות – פאר ווער עס היט נישט די תורה. ווייל אין דער מינוט וואס עס איז געווארן ביי זיי קלאר זייער שלימות, אז זיי האבן נישט קיין שום פעלער, דאן קענען זיי רואיג אויסהערן אלע קללות און ברכות. ווייל דאן פארשטייען זיי מיט א קלארקייט, אז די אלע קללות און שטראפן וואס מען ווארנט זיי אָן, דאס האט נאר אין זיך איין ציל: זיי צו דערנענטערן צום אויבערשטן! צו ריינִיגן פון זיי יעדן סארט פלעק וואס קוקט אויס ווי א פעלער! אבער באמת איז דאס אפילו נישט קיין 'מום עובר', עס איז ניטאמאל קיין צייטווייליגער מום, עס איז נאר עפעס אן אויסערליכער ווייטאג וואס האט זיך אנגעקלעבט אויפן מענטש דורכדעם וואס ער האט זיך דערווייטערט פון אויבערשטן. אבער אין דער מינוט וואס ער וועט זיך צוריק דערנענטערן, וועט נתגלה ווערן אז באמת איז זיין שלימות צום אויבערשטן קיינמאל נישט געשעדיגט געווארן.

**באלד ווי מען קומט אריין קיין ארץ ישראל געשעט אזא מעשה מיט עכן?**

**באלד** נאך וואס אידן זענען אריין אין ארץ ישראל, איז געווען די מעשה מיט עכן, וואס דאס איז געווען א שרעקליכער חטא און א חילול ה'. עכן האט גענומען פונעם רויב פון יריחו, און דאס האט גורם געווען אז ביי דער קומענדיגער מלחמה זענען גע'הרג'עט געווארן אידן, וואס דאס האט מורא'דיג פארשעמט דעם כבוד פון אויבערשטן און דעם כבוד פון אידן צווישן אלע פעלקער וואס האבן זיך געפונען אין ארץ ישראל. די גמרא אין מסכת סנהדרין לייגט אראפ, ווי ווייט איז געגאנגען דער זינד פון עכן, די גמרא זאגט

דארט: "עכן האט עובר געווען אויף אלע עבירות פון דער גאנצער תורה". לכאורה קוקט דאס אויס ווי אזא שווערע פרשה, אז מיט אזא זאך זאלן אידן אנהייבן זייער ארייננגיין קיין ארץ ישראל? מיט אזא ביטער פעקל?

### עכן האט באלד מקיים געווען דעם 'תמים תהיה' אנצונעמען דעם עונש מיט א תמימות

**אבער** אינ'אמת'ן איז עס פונקט פארקערט. ווייל באלד נאך וואס עס איז נתגלה געווארן דער חטא פון עכן און מען האט געהאלטן איידער אים הרג'ענען מיט סקילה, האט יהושע אים געזאגט: "**תן לו תודה**" – זיי זיך מתודה פארן אויבערשטן. און עכן האט זיך דאן מתודה געווען. מיט דעם האט ער מגלה געווען דעם סוד פון 'אבנים שלימות'! ער האט מקיים געווען דעם 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', ווי רש"י זאגט: "כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות", ער האט אנגענומען מיט אהבה דעם עונש פון אויבערשטן און האט זיך מתודה געווען, ער האט געגעבן א הודאה פארן אויבערשטן אויפן עונש וואס ער האט באקומען, ווייל ער האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין 'התרחקות' - נאר 'התקרבות', אראפצונעמען פון אים דעם שרעקליכן לאסט פון עבירות וואס האט באמת נישט קיין שייכות מיט קיין שום איד, און אראפנעמען דעם געוואלדיגן חילול ה' וואס ער האט אנגעמאכט, דורכן מקדש זיין דעם אויבערשטנ'ס נאמען, און דאן האט ער גלייך זוכה געווען צו עולם הבא; ווי די גמרא זאגט: "כל המתודה יש לו חלק לעולם הבא". און די גמרא לערנט דאס ארויס פון עכן וואס איז געווארן אינגאנצן ריין. און דעמאלט האט ער געמאכט די געוואלדיגע תפלה פון "על כן נקוה לך ה' אלוקינו", וואו מען בעט אויפן כבוד פון אויבערשטן. דא איז נתגלה געווארן אז אפילו פון אזא ביטערע מעשה, נאכאלץ זעט מען דעם געוואלדיגן שלימות און תמימות פון יעדן איד – אפילו פון א זינדיגן איד.

### עכן האט געגלייבט אז דער אויבערשטער וויל אים פאר א 'חטאת' וועלכער דארף זיין 'תמים יהיה לרצון'

**דאס** זענען די גילוים פונעם כבוד פון אויבערשטן, 'נשמה בתוך גוף', א תורה וואס איז איינגעקריצט אויף גאנצע שטיינער פון אונטער דאס וואסער פון ירדן, וואס עכן האט זוכה געווען צו מקדש זיין דעם אויבערשטנ'ס נאמען דורכדעם וואס ער האט געגלייבט אז ער איז נישט קיין בעל מום. ווייל אויב וואלט ער געווען א בעל מום, צו וואס איז מען אים מקריב אלס קרבן אויפן מזבח?! אויב דער אויבערשטער וויל אים נישט האבן, פארוואס הרג'עט מען אים בכלל?! נאר וויבאלד ער איז א תמים פארן אויבערשטן און ער האט געזינדיגט, איז ער געווארן א חטאת, דערפאר דארף מען אים מקריב זיין, מען דארף אים באווארפן מיט שטיינער כדי עס זאל ווערן פארענדיגט זיין תיקון. אבער באלד נאכדעם האט ער זוכה געווען צו דער דרגה פון 'במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד', ווי מיר האבן פריער דערמאנט, אז דוקא דער מענטש וואס האט חסרונות און שפלות, דוקא ער קען אנקומען שנעלער צו לעבן מיטן סוד פון אבנים שלימות, צו גלייבן אין דער גאנצקייט וואס ער האט ביים אויבערשטן, ווייל ער איז מקבל אויף זיך מיט א תמימות אלץ וואס דער אויבערשטער האט אים אריין געלייגט אין אלע שווערע פלעצער און ער גלייבט אז דאס איז אלץ פאר איין תכלית און ציל: צו מגלה זיין דעם כבוד פון אויבערשטן אויף דער וועלט.

### אויב עכן האט געקענט מאכן אזא 'ועל כן נקוה' – איז ער זיכער נישט נתרחק געווארן פונעם אויבערשטן

**דערפאר** יעדן טאג דריי מאל א טאג, ענדיגט מען דאס דאווענען מיט דער תפלה וואס עכן האט געמאכט: "ועל כן נקוה". אזוי אויך הייבט מען אָן מיט דעם די פסוקים פון מלכיות ביי מוסף ראש השנה, ווען מען בעט פונעם אויבערשטן אזעלכע געוואלדיגע תפילות: "**לתקן עולם במלכות שדי וכל בני בשר יקראו בשמך להפנות אליך כל רשעי ארץ יכירו וידעו כל יושבי תבל כי לך תכרע כל ברך תשבע כל לשון**". אט אזא תפילה קען נאר ארויסקומען פון א מענטש וואס ער גלייבט אין זיין נאנטקייט צום אויבערשטן! ער גלייבט אז ער ווערט גע'הרג'עט ווי א קרבן אָן קיין שום מום! אויף א מזבח פון גאנצע שטיינער אָן קיין שום פעלער! אנגענומען לרצון פארן אויבערשטן.

## ג.

# 'וידוי' – רעד פון דער פאזיטיוו און עס וועט דיר ברענגען צו תשובה שלימה

### די ליכטיגקייט פון די זון און לבנה וועט זיין ווי גארנישט קעגן די דעמאלטדיגע ליכטיגקייט

מיר האבן געזאגט היינט אין דער הפטורה פון שבעה דנחמתא, טרייסט ווערטער פון דער נביא ישעיה וועלכער טרייסטעט אידישע קינדער: "**לא יהיה לך עוד השמש לאור יומם ולנוגה הירח לא יאיר לך והיה לך ה' לאור עולם ואלקיך לתפארתך**" (ישעיה ס' יט) – דו וועסט מער נישט האבן די זון זאל שיינען פאר דיר בייטאג און די לבנה זאל דיר ליכטיג מאכן ביינאכט, נאר דער אויבערשטער וועט זיין פאר דיר אן אייביגע ליכטיגקייט. איז דער רד"ק מסביר, אז די געוואלדיגע גוטס און ישועות, ווערן צוגעגליכן צו ליכטיגקייט, און דער נביא זאגט אז די ליכטיגקייט פון אויבערשטן וועט זיין אזוי גרויס, עס וועט זיין אזוי גוט פאר אידן, אזש די ליכטיגקייט פון די זון און לבנה וועט ווערן פארדעכנט ווי גארנישט. דאס איז על דרך משל, ארויסצוברענגען ווי גוט און לעכטיג עס וועט זיין פאר אידן.

### מען רעדט פון דער געטליכער ליכטיגקייט

פון וואספארא ליכטיגקייט רעדט דא דער נביא?! דער נביא רעדט פון דער לעכטיגקייט פון 'גילוי אלקות' וואס וועט זיין אין דער בריאה, אז יעדער איינער וועט זען און אנערקענען, אז אלעס וואס געשעט אין דער וועלט, איז אלעס נאר פון אויבערשטן, און אלעס איז נאר לטובה, זיך צו דערנענטערן צו אים און איינזען זיין גוטס און ליכטיגקייט אויף דער וועלט.

### ראש השנה איז נישט בלויז 'יום הדין' – נאר אויך 'יום המלוכה'

מיר שטייען אין חודש אלול ביים סוף יאר. יעדער איינער וויל תשובה טון און אודאי טוט מען תשובה כפשוטו, מיט וידוי, חרטה און קבלה; ווי עס איז אויסגעשמועסט אין אלע ספרי יראה און ספרי תשובה. אבער מיר טארן נישט פארגעסן, אז צוזאמען מיטן 'יום הדין' קומט אויך אָן דער 'יום המלוכה'! דער עיקר תשובה און הכנה צום יום הדין איז מיט דער צורה פון 'תמליכוני עליכם' – וואס א איד גלוסט און בענקט צו ממליך זיין דעם אויבערשטן און אים אנטון דעם קרוין פון מלוכה. ווייל אויב וועט ער נאר תשובה טון אויף זיינע עבירות און א גאנצן צייט טראכטן און רעדן פון שלעכטע מעשים – וועט ער נישט אנקומען צום תכלית פון די דאזיגע טעג, די תכלית איז נישט אז א מענטש זאל זיין פארנומען א גאנץ ראש השנה נאר מיט איין זאך: אראפנעמען פון זיך זיינע חטאים! נישט אויף דעם האבן די אנשי כנסת הגדולה מסדר געווען רוב פון די תפילות וואס מיר דאווענען ראש השנה.

### אוועקלייגן דעם 'זיך' און רעדן וועגן 'כבוד שמים'

דער עיקר פון די תפילות וואס מיר דאווענען איז, אז מען בעט אז דער כבוד פון אויבערשטן זאל נתגלה ווערן אין דער וועלט. נו, אוודאי ריכטיג טאקע אז די עבירות פונעם מענטש פארקלענערט דעם כבוד פון אויבערשטן, און דערפאר דארף מען טאקע אפלאזן אלע עבירות, תשובה טון אויף דעם און פארריכטן אלעס. אבער דער עיקר עסק פון א מענטש איז נישט מיט 'זיך' און נישט מיט די 'אייגענע חטאים', נאר דער עיקר עסק איז מיטן כלליות, מיטן כבוד פונעם אויבערשטן וואס זאל נתגלה ווערן אין דער וועלט. דאס איז וואס מען זעט טאקע ביי עכן וואס ער האט תשובה געטון אזא גאנצע תשובה, אזש מען לערנט ארויס פון אים דעם גאנצן דין פון זיך מתודה זיין בעפארן שטארבן. עכן האט זיך טאקע מתודה געווען אויף אלע זיינע חטאים וואס ער האט געטון, אבער דער עיקר וידוי איז נישט געווען אויף זיינע חטאים, דער עיקר וידוי איז געווען דאס וואס ער האט נאכדעם געזאגט דעם "ועל כן נקוה", וואס ער איז געווען פארנומען מיטן כבוד פון אויבערשטן: "ווען וועט מען שוין אויסרייסן אלע עבודה זרות פון דער גאנצער וועלט! ווען וועט שוין יעדער איינציגער באשעפעניש אויף דער וועלט וויסן אז נאר דו ביזט דער איין

איינציגער גאט! נאר צו דיר וועט מען זיך בוקן! און נאר אין דיר וועט מען שווערן! אלע ווען מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים! און דו וועסט זיין זייער קעניג!". אט דאס איז דער אמת'ער וידוי, ער האט נישט גערעדט פון 'זיך', נאר ער האט גערעדט פונעם כבוד פון אויבערשטן, אז עס זאל שוין נתגלה ווערן אויף דער גאנצע וועלט.

#### אויב טוט ער תשובה מיטן אראפרייסן דעם 'זיך' – וועט ער גאנץ ר"ה זיין פארנומען מיט בעטן פאר 'זיך'

א מענטש קען זיך מאכן א סימן בדוק ומנוסה: אויב וועט א מענטש זיך מתודה זיין און רעדן א גאנצן צייט פון דער 'נעגאטיוו': "איך האב נישט געדאוונט! איך האב נישט געלערנט! נישט! נישט! און נאכאמאל נישט!". דאן וועט ער וועט ענדיגן דעם גאנצן וידוי, וואס וועט זיין די בקשה וואס ער וועט בעטן פונעם אויבערשטן?! זיין בקשה וועט ווייטער זיין אויף 'זיך'! אז 'ער' זאל קענען דאווענען און לערנען! אז דאס קומענדיגס יאר זאל 'ער' זיין אפגעהיטן פון עבירות! אבער אויב וועט א מענטש זיך מתודה זיין אויפן כבוד פון אויבערשטן – וועלכע איז פארמינערט געווארן דורך זיינע חטאים: דער אויבערשטער האט געהאט צער פון מיינע חטאים! דער אויבערשטער האט געוואלט איך זאל מער דאווענען און לערנען! דאן וואס וועט זיין די בקשה וואס ער וועט נאכדעם בעטן?! אז דעם אויבערשטנ'ס כבוד זאל שוין ווערן דערהויבן! אודאי וועט ער אויך מתפלל זיין ראש השנה אויף זיך, אבער אלץ פארן אויבערשטנ'ס כבוד: "באשעפער, העלף איך זאל אויפהערן צו מאכן א העלמה אויפן כבוד פון אויבערשטן! איך זאל זיך פארבעסערן אין תורה און מצוות וואס ברענגען ארויס דעם גילוי פונעם אויבערשטן אין דער וועלט!". אזא מענטש הייבט אויף די גאנצע בריאה מיט זיין תפילה.

#### וידוי מעשרות – א לימוד וויאזוי א מענטש דארף זיך מתודה זיין אין די איצטיגע טעג

מען האט געליינט דער וואך אין דער פרשה א 'וידוי' וואס א איד דארף זאגן אינעם פערטן יאר נאך שמיטה, ביי מנחה פונעם לעצטן טאג פסח – נאכדעם וואס ער האט אויסגעטיילט אלע זיינע מעשרות, דאס ווערט אנגערופן 'וידוי מעשרות'. נישט בחנם לייענט מען אט די פרשה בעפאר ראש השנה, ווייל דאס איז א הכנה וויאזוי דארף א איד תשובה טון, וואס איז די ריכטיגע צורה פון זיך מתודה זיין פארן אויבערשטן. לאמיר אריין קלערן אין דער וידוי וואס דער איד זאגט דא.

#### וידוי מעשרות: ער זאגט כסדר 'איך בין גוט'

ווען מען קוקט אריין אין די פסוקים, זעט מען אז דער איד האלט אין איין אויסרעכענען וועלכע מצוות ער האט געטון און וועלכע עבירות ער האט נישט געטון: **"ביערתי הקודש מן הבית וגם נתתי ללוי ולגר ליתום ולאלמנה ככל מצותיך אשר צויתנו"** – אלע מצוות וואס דו האסט באפוילן האב איך געטון! **"לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי"** – איך האב גארנישט אויסגעלאזט און פארגעסן! **"לא אכלתי באוני ממנו ולא בערתי ממנו בטמא ולא נתתי ממנו למת שמעתי בקול ה' אלוקי"** – איך האב אויסגעפאלגט אלע הלכות פון מעשר און זיך צוגעהערט צום קול פונעם אויבערשטן! **"עשיתי ככל אשר צויתני"** – איך האב געטון אלץ וואס דו האסט מיר געהייסן! אנשטאט צו זאגן: "איך בין נישט גוט! איך האב געזינדיגט! חטאתי עויתי פשעתי!" – זאגט דער מענטש אינגאנצן אן אנדערע וידוי: "איך האב יא געטון גוט! איך האב יא אויסגעהערט דעם אויבערשטן! איך האב געטון אלעס וואס ער האט מיר געהייסן!".

#### דערפאר ענדיגט ער מיט א תפלה פאר 'כלליות ישראל' – נישט פאר 'זיך'

אנשטאט זיך צו מתודה זיין אויף דער 'נעגאטיוו' א גאנצן צייט, און צוענדיגן מיט א בקשה: "רבונו של עולם העלף מיר איך זאל מער נישט זינדיגן", איז ער זיך מתודה און קוקט אויף דער 'פאזיטיוו', און דעמאלט ענדיגט ער מיט אן אנדערע בקשה, ער בעט נישט אויף 'זיך', נאר ער בעט אויף כלל ישראל; ווי מען זעט אז דער איד נאכן זאגן 'וידוי מעשרות', וואס בעט ער פונעם אויבערשטן? **"השקיפה ממעון**

**קדשך מן השמים וברך את עמך ישראל ואת האדמה אשר נתתה לנו כאשר נשבעת לאבותינו ארץ זבת חלב ודבש"** – ער בעט פאר כלל ישראל און פאר ארץ ישראל.

### יעדער בעל מחנך ווייסט אז קריטיק מאכט בלויז ערגער דעם מצב

**יעדער** איינער וואס טוט אביסל אין חינוך ווייסט, אז ווען מען פאַרעט זיך און מען איז פארנומען א גאנצן צייט מיט שלעכטס, געשעט על פי רוב אז עס ווערט נאר ערגער דער מצב! דאס איז בדוק ומנוסה! מען שטייט סוף יאר, און מען וויל זיך דערנענטערן צום אויבערשטן, מען וויל זיך אויפהייבן, אפלאזן אלע שלעכטע מעשים און זיך מדבק זיין אין אויבערשטן. אבער עס מוז נישט גיין אויפן אופן פון נעגאטיוו, מען קען אויך זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אויבערשטן, תשובה טון ממש א תשובה שלימה און מעורר זיין א רוח טהרה אויף זיך און אויף גאנץ כלל ישראל – אויך ווען מען איז פארנומען נאר מיט די גוטס! נאר מיט דער פאזיטיוו! נאר מיט די 'יא'!

### אנשטאט צו קריטיקירן דעם פארגאנגענעם יאר – לאמיר זיך קאמפלימענטירן אויף אלע מצוות ומע"ט

**דער** וועג וויאזוי מען טוט דאס איז: מען קוקט צוריק אויפן גאנצן יאר וואס איז אריבער אויף אונז, מען דאנקט פארן אויבערשטן א 'הודאה' און א 'וידוי' צוזאמען, אויף אלע גוטס וואס מען האט זוכה געווען! מען האט דאך זוכה געווען צו אזויפיל גוטס במשך דעם גאנצע יאר! וויפיל מאל האבן מיר זוכה געווען צו היטן שבת! צו לייגן תפילין! און צו טון אזויפיל מצוות! ווען א איד וועט רעדן פון די גוטס, וועט זיך זיכער אויך אויפוועקן אין זיין נפש אזא בושה און יראה פונעם אויבערשטן, ער וועט תשובה טון אויף אלע גוטס וואס ער האט פארפאסט דא און דארטן, און ער וועט גלייך קומען וויינען פארן אויבערשטן, אז ער וויל תשובה טון, ער וויל זיך דערנענטערן נאכמער און נאכמער, ער וויל האבן נאכמער פון די אלע גוטס, צו טון נאך גוטס און נאך גוטס, מיט אזא דארשט און בענקעניש צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן, צו פארמערן זיין כבוד.

### דורכלערנען די ווערטער פון תפארת שלמה פון אינעווייניג

**דאס** איז וואס דער הייליגער **תפארת שלמה** חזר'ט איבער אין דער וואכענדיגער פרשה נאכאמאל און נאכאמאל, מיט אזא זיסן שפראך, אויפן פסוק: **"ושמחת בכל הטוב"**, אז וויפיל דארף זיך א איד פרייען מיט יעדע נקודה טובה, צו לעבן מיט די גוטס, רעדן פון די גוטס און בעטן אויף די גוטס. קוק גוט אריין אין זיינע ווערטער, וועסטו טרעפן דארט אזעלכע הייליגע און ליכטיגע דיבורים, אויפן נוסח וואס מען האט דא געזעדט, אז 'גוטס' וועקט אויף 'גוטס', זיי זיך מתודה אויף די גוטס, ווען דו טוסט **תשובה** - זיי פארנומען מיט די גוטס, און די גוטס וועט דיר מעורר זיין נאכמער און נאכמער צו נענטער ווערן צום אויבערשטן.

* * *

**מיר** בעטן זיך ביים אויבערשטן, עס זאל מקויים ווערן די ווערטער פון נביא (יהושע יא' ט') "ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים", עס זאל שוין זיין דער גילוי פונעם אויבערשטנ'ס מלוכה אין דער וועלט. און מיר זאלן זוכה זיין זיך צו פאַרנעמען א גאנצן צייט נאר מיטן 'כבוד שמים'! נאר מיט דער פאזיטיוו! און נישט זיין פארנומען מיט די שלעכטס. נאר בענקען און האפן מיט געגועים און כיסופים אז עס זאל שוין זיין 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא'. דאס איז דאך וואס קינדער טוען פאר זייערע עלטערן נאך די הונדערט און צוואנציג. די גרעסטע זאך וואס מען קען טון פאר א נשמה, איז איבערזאגן נאכאמאל און נאכאמאל 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא', און אריינבאקן אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט – נאר דעם אויבערשטנ'ס כבוד. דאס איז די נצחיות וואס א מענטש האט, נאך וואס ער גייט פון דער וועלט, אז זיינע

קינדער זענען ממשיך צו רעדן פונעם כבוד פון אויבערשטן וואס ער האט אפגעטון במשך די אלע יארן וואס ער האט זיך דא געדרייט אויף דער וועלט.

**בפרט** אינעם ערשטן יאר, וואס דעמאלט גייט אריבער אויף די נשמה – וואס עס גייט אריבער, דאן דארפן די קינדער זאגן 'קדיש' יעדן טאג, צו אויסשרייען עס איז גארנישט דא נאר דעם אויבערשטנ'ס כבוד. דאס איז דער גרעסטער 'תיקון', די גרעסטע 'המתקה', פאר אלעם וואס דער טאטע דארף אריבערגיין, מיט דעם וואס מען רופט אויס אז עס איז גארנישט דא נאר כבוד שמים. און דאן באקומט די נשמה א כח פון צדיקים; ווי דער רבי ר' אלימלך און דער בני יששכר האבן געזאגט: "אפילו אויב מען וועט זיי זאגן נאך זייער פטירה אז זיי דארפן גיין אין גיהנם, וועלן זיי גיין מיט א שמחה!". ווייל זיי האבן גארנישט געהאט אויף דער וועלט נאר כבוד שמים, און עס גייט זיי גארנישט אָן, אפילו אויב מען וועט דארפן אריבערגיין די גרעסטע יסורים, אבער אין דער מינוט וואס זיי פארשטייען אז דאס איז כבוד שמים, טוט מען אלעס מיט א שמחה. די זעלבע זאך איז מיט א טאטע וואס געפונט זיך אויפן עולם האמת, און בפרט אינעם ערשטן יאר וואס ער דארף אריבערגיין אזעלכע שוועריקייטן, יעדעס מאל וואס די קינדער רופן אויס 'יתגדל ויתקדש שמיה רבה' – ווערט אים גרינגער דארטן, ווייל ער פארשטייט אז עס איז אלעס פארן כבוד פון אויבערשטן.

**אידישע** קינדער בעטן זיך ביים אויבערשטן אין חודש אלול: טאטע, "השקיפה ממעון קדשיך מן השמים", מיר זענען אריבערגעגאנגען אזא שווער יאר, וואס פון איין זייט האבן אלע מענטשן אויף דער וועלט איינגעזען זייער גרויסער 'אפסיות', זיי זענען גארנישט ווערד, און ווי גרויס דער אויבערשטער איז, ווי דער אויבערשטער קען שאקלען א וועלט מיט א קליינע מחלה וואס פארשפרייט זיך. אבער פון צווייטן זייט, וויפיל רחמים דארף מען האבן אויף די הייליגע תורה וואס איז געווארן אזוי אפגעשוואכט במשך די גאנצע תקופה, עס האט זיך אויפגעוועקט אזעלכע שווערע נסיונות אין אידישע שטיבער.

**מיר** געפונען זיך יעצט אין הייליגע טעג וואס געוועגליך זיצן יעצט טויזנטער און צענדליגער טויזנטער בחורים און יונגעלייט אין די ישיבות און כוללים, און לערנען מיט גרויס התמדה, זיך גרייטנדיג צו די הייליגע טעג – דוקא צוזאמען מיט אסאך אידן, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, אבער יעצט געפונט זיך כלל ישראל אין אזא שווערע תקופה, וואס מען דארף האבן המתקת הדינים, מען בעט זיך ביים אויבערשטן 'מנע מגיפה מנחלתך', אידישע קינדער זענען מתפלל און דאס הארץ איז פול מיט דאגה, נישט פאר זיך דאגה'ט מען – נאר פאר דער שכינה הקדושה! פארן כבוד פון אויבערשטן וואס דארף זיך דערהייבן אין די יעצטיגע טעג, ווען ישיבות זענען פארמאכט, עס איז נישטא דער מצב פון התעוררות פון די 'אלול טעג' אין די ישיבות, עס איז דאך דא א רוח טהרה און קדושה וואס דרינגט אריין אין הארץ פון א מענטש – דוקא דורכן 'מצב' פון קדושה וואס איז געוועגליך דא אין די אלע אידישע מקומות, אבער דאס יאר איז עס ליידער נישט דא.

**מען** בעט זיך ביים אויבערשטן "השקיפה ממעון קדשך מן השמים וברך את עמך את ישראל", נישט פאר אונז בעטן מיר – נאר פאר דיר! פאר דיין כבוד! למענך עשה! מנע מגיפה מנחלתך, עס זאלן זיך עפענען די טויערן פון די ישיבות און כוללים, די טויערן פון די בתי מדרשים, עס זאל זיין 'ברוב עם הדרת מלך', און עס זאל נישט זיין קיין מניעות פאר דיינע אידישע קינדער וואס ווילן זיך דערנענטערן צו דיר און פארן אויף ראש השנה צו צדיקים.

**מען** בעט זיך ביים אויבערשטן, אז אידישע קינדער זאלן אלע זיין געזונט און שטארק, און אלע הערצער פון אידישע קינדער זאלן זיך באהעפטן איינער צום צווייטן מיטן דין פון 'ערבות'. ראטעווע די בחורים און יונגעלייט זאלן נישט הערן און נישט רעדן צווישן זיך קיין שום נייעס וואס טוט זיך אויף דער וועלט, נאר זייער גאנצער קאפ און מוח זאל זיין איינגעטונקען נאר אין דער הייליגער תורה, און אויך די וואס

ארבעטן א גאנצן טאג זאלן נישט האבן גארנישט צוטון מיט די נייעס - וואס עס קומט נישט ארויס פון דעם קיין שום תכלית. מיר האבן שוין געגוג געהאט ביטול תורה דאס יאר רחמנא ליצלן. מיר זאגן נישט פאר קיינעם וואס צו טון, אויף דעם איז דא גדולי ישראל. נאר מען בעט זיך ביים אויבערשטן אז עס זאל זיך קאכן אין אונזער הארץ כבוד שמים, עס זאל קאכן אין אונזער הארץ דער צער פון דער תורה הקדושה, עס זאל ברענען אין אונזער הארץ א השתוקקות און דביקות פון 'קודשא בריך הוא אורייתא וישראל חד', און מיר זאלן זוכה זיין צו דער גאולה השלימה בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.